STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07283

MAYN TROYER LID

Shammai Waks

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמאי וואקס

טרויער מיין ליד

SHAMMAI WAKS

GRIEF IS MY SONG

Copyright © 1968 by SAM WAKS
2054 N. Dracena Dr.. Los Angeles, Calif. 90027

All rights reserved, under International and Pan-American Copyright Convention. No parts of this book may be reproduced in any form or by any means, without permission in writing from the Author, except by a reviewer, who may quote brief passages in a review to be printed in a magazine or newspaper.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

אַ יישר־כּח פריינד ש. גילדער'ן פאַר זיין
איבערגעגעבנהייט ביים זעצן פונעם בוך

שער־בלאַט געצייכנט פון בצלאל מלחי

100

אינהאַלט

Author's Note — 104
פּראָלאָג — 6
יזכּור — 7
אַ מצבה — 9
מיין טרויער־ליד — 11
אַ בלומען־קראַנץ — 16
אויף די קבֿרים פֿון ווייהיגען — 20
אַ פֿריינד — 25
וווהין — 26
די לעצטע נאַכט — 30
אַ גוטער טאָג — 43
קאַמף — 51
אַ מעשהלע פֿון טויזנט און איין נאַכט — 57
צום טויט פֿון שמואל דאַנציקער — 62
אַ חתונה אין צענטער — 64
אַ היים — 76
שאָטנס אויף מיין וועג — 77
מיין קינד, זיי מיר מוחל — 79
לאַנג איז די נאַכט — 81
כּבֿוד פֿון פֿאָלק — 88
Kamień Grobowy — 92
אבֿרהם, אבֿרהם — 93
The Choice — 94
Two Little Girls — 96
Grief is My Song — 101

טרויער און טרערן

אברהם נחום איז געווען מיין טאַטנס נאָמען,
חיים דוד, זיין ברודער *
יענטעלע האָט געהייסן מיין מאַמע,
שורהטשע, אַזוי גוט ווי אַ מאַמע,**
גיטעלע מיין שוועסטער,
מיין קוזין העשקע ***
מיין גאַנצער פאַמיליע,
חברים און חברטעס פון מיין שול און שטאָט,
שכנים, באַקאַנטע
און אַלע יידישע פרויען, מענער און קינדער,
וואָס זיינען אומגעקומען על גזרת היטלער —
אַ מצבה פון טרערן.

---

* איינער פון די ערשטע קרבנות דערשאָסן ביי דער צוואַנגס־אַרבעט אין ראַדעם, דעם אויטאָרס היימשטאָט, אין ראש־השנה, 1939.

** דעם אויטאָרס מוטער איז געשטאָרבן אין זיינע קינדער־יאָרן.

*** געלעבט צוזאַמען מיטן מחבר אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ראַדעם, וויהינגען, אונטערריקסונגען. געשטאָרבן איינקע וואָכן פאַר דער באַפרייונג אין וויהינגען.

TO THE 6,000,000 VICTIMS

OF THE HITLER MASSACRES

I N M E M O R I A M

פאַר די 6,000,000 קרבנות

פון די היטלער מאַסאַקערס

א י ן מ ע מ אָ ר י אַ ם

פראָלאָג

מער ווי צוויי צענדליק יאָרן זיינען שוין פאַרביי.
די פאַרגאַנגענהייט שלאָפט,
און עס רוען אונדזערע נאָענטע
אין טיפן שלאָף פאַרזונקען.

צו וואָס זיי וועקן ?

און דאָס וואָרט,
האָט שוין געשפּראָכן און עדות געזאָגט
אין טאָמען פון בלעטער, טאָמען פון ביכער,
אַרטיקלען, לידער, זכרונות און באַשרייבונגען.

איז דען ניט גענוג געזאָגט געוואָרן ?
דאַרף מען נאָך מער ווערטער ?

און יאָרן האָבן זיך געשפּונען מיט יאָרן,
פאַרלאָפן און פאַרשוווּנדן,
און געלייגט דעם חותם פון זייער לאַסט
אויף מיין לייב און מיין נשמה.
און עס שרייט צו מיר מיין וואָרט
מיט אַ הילכיק קול.

ווי לאַנג וועסטו נאָך וואַרטן ?
גיב מיר אַ תיקון,
און לאָז מיך אַרויס אין די וועלט, וווּ איך געהער !
גיי־זשע מיין וואָרט,
און טראָג מיין ווי און טרויער מיט דיר מיט.
און בעט מחילה ;
בעט מחילה פאַר מיר,
פאַר מיין אָרעמע פעדער און שפּראַך,
פאַר מיין לאַנג שווייגן,
פאַר מיין צעבראָכן האַרץ,
וואָס קוים עס קלאַפּט
און מיין נשמה,
וואָס קוים זי פלאַטערט.

גיי מיין וואָרט און זוך אַ תיקון.

יזכור

אין צווייטן וועלטקריג, אין די יאָרן 1939-45, האָט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעגירונג אין דייטשלאַנד — אונטער דער אָנפירונג פון אַדאָלף היטלער — פּראָקלאַמירט און אויסגעפירט אַן אויסראָטונגס־פּראָגראַם קעגן דעם יידישן פאָלק בכלל און קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין די איינגענומענע געביטן פון אייראָפּעישן פּראָנט בפרט.

די יידישע ציווילע באַפעלקערונג איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין געטאָס, באַרויבט פון פרייהייט, רעכט און אייגנטום, גענומען צו שווערע אַרבעט אין קאָנצענטראַציע לאַגערן און סיסטעמאַטיש אויסגעהונגערט געוואָרן.

יעדע פּערזאָן פון יידישער אָפּשטאַמונג איז געצוווּנגען געוואָרן צו טראָגן אַ ווייסן אָדער געלן אָרעמבאַנד, כדי דעם ייד לייכטער צו דערקענען.

די געהיימע שטאַטס־פּאָליציי (געשטאַפּאָ) און נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע טרופּן (עס־עס) האָבן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט אַזוי־גערופענע „אַקציעס", בשעת וועלכע זיי האָבן אין קאַלטן בלוט אויסגעשאָסן צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער. אין אָרגאַניזירטע אויסזידלונגען איז די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, פאַרפּאַקט אין לאַסט־וואַגאָנען און אַוועקגעפירט צום טויט אין די ספּעציעל־געשאַפענע גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, ווו זיי זיינען פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן.

טויזנטער זיינען אויך אויסגעגאַנגען פון הונגער, קראַנקייטן און אויסמאַטערונג אין די געטאָס און די קאָנצענטראַציע לאַגערן אין און מחוץ דייטשלאַנד.

און זאָל דאָ נאָך אַמאָל דערמאָנט און קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן, אַז די שחיטות און מאַסאַקערס זיינען פון דער רעגירונג זעלבסט פּלאַנירט און אָרגאַניזירט געוואָרן.

אונטער דער אָנפירונג פון הויכע שטאַטסבעאַמטע איז געשאַפן געוואָרן אַן אַפּאַראַט פאַר פולער עקסטערמינאַציע פון אייראָפּישן יידנטום, אַ פּראָגראַם פאַר אַ „ווייסנשאַפטלעכע" מאַסן־ליקווידאַציע פון דער יידישער ציווילער באַפעלקערונג. די נאַציס האָבן די הילפלאָזע, אויסגע־

הונגערטע יידישע מאַסן אַפּגעגאַרט, פאַרפירט, טעראָריזירט און צום לעצט מיט פאַלשע האָפענונגען אויף לעבן און אַרבעט אָוועקגעפירט צום טויט אין די גאַז־אויוונס.

און קיינער איז ניט געשוינט געוואָרן. יונג און אַלט, שטאַרק און שוואַך — ווער עס האָט נאָר דעם נאָמען ייד געטראָגן; שוואַנגערנדיקע פרויען און די מיט שוואַלבן אין זייערע אָרעמס.

און די וועלט האָט דאָס צוגעזען און געשוויגן. די אַלירטע רעגירונגען האָבן ניט געפונען דעם ווילן און מוט דעם ג ע נ אָ צ י י ד אָפּצוהאַלטן.

און זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, למען האמת, אַז אין געוויסע פאַלן האָבן דייטשע אויפזעער און סאָלדאַטן אַרויסגעוויזן רחמנות פאַר די קרבנות, העלפנדיק מיט וואָס זיי האָבן געקענט — אַ גוט וואָרט, אָדער אַביסל עסן — אָבער דאָס זיינען געווען איזאָלירטע פאַלן, ווי אַ טראָפּן אין ים און זיי האָבן ווייניק געקאָנט באַאיינפלוסן דעם ביטערן ענד. דעם ענד און חורבן פון דעם גאַנצן יידישן ישוב אין אייראָפּע.

אין 1945, ווען די צעשלאָגענע דייטשע אַרמייען האָבן זיך אונטערגעגעבן, האָט די צאָל פון פאַרגאַזטע, דערשאָסענע און פאַרפייניק־טע יידישע מענער, פרויען און קינדער דערגרייכט 6,000,000 נפשות.

אַ מצבה

אויף מיין טאַטנס קבר,
אויף מיין מאַמעס געביין,
פון בענקשאַפט אַ ציגל,
פון טרערן אַ שטיין.
אַ דאָרן פון ווערטער,
וואָס בלוטיקט מיט צאָרן,
פון שלוכצן און וויינען
ביטער, ווי גאַל,
טרערן אַ קוואַל.

מיין צווייטער מאַמעס
און מיין שוועסטערס געביין,
ווו איז דער קבר
איך זאָל טרויערן קענען
און הערן מיין געוויין?

אויף דרום,
אויף צפון?

איך שטרעק אויס מיינע אָרעמס
און שיק מיינע בליקן,
פאַר׳צער׳ט און פאַר׳חושכ׳ט
אין די וועלט,
אין אַלע עקן.

אויף מערב און מזרח
קלאַפּ איך אין קברים
און זוך מיר אַ סימן,
ווי משה מיטן שטעקן.

אַ סימן פון נעכטן,
אַ זכר אויף מאָרגן.
דאָ פלעגט מען שעכטן,
דאָרט האָט מען געוואָרגן.

אָבער...

ווו קען איך געפינען,
ווען אַלץ איז צערונען?

אין טייכן אויף מזרח,
אין ימים אויף מערב,
אויפן צפון צעשוווּמען
אין וואָלקנס פון רויך —
און אויך דאָס לעצטע ביסל
האָט דער דרום פאַרצערט
און איינגעזאַפּט
אין זיין זאַמדיקע, דורשטיקע ערד.

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט,
דעם 9טן מערץ, 1947.

מיין טרויער־ליד

קום מיין פידל,
קום מיין לידל,
שפּיל מיר,
זינג מיר
ווידער אויף.
איך וויל טרינקען,
איך וויל עסן,
טאַנצן, הוליען
און פאַרגעסן.

הינטער מיר אַ וועלט מיט טרערן,
טרויער, אומעט און טייכן בלוט.
בילדער רייען,
ווי צויטן, פלעקן
פון פאַרגאַזטע
און פון הונגער טויטע.
מחנות פרויען,
מחנות מענער
מיליאָנען מאַמעס,
שוועסטער און קינדער,
ווי שאָף, ווי רינדער,
אין ווילדן טריט.
און ווידער בלוט,
טייכן בלוט.

קום מיין פידל,
קום מיין לידל,
שפּיל מיר,
זינג מיר ווידער אויף.

איך ווּיל שפּרינגען,
איך וויל זויפן,
טאַנצן, עסן,
פֿרייד מיר קויפן
און פֿאַרגעסן.

איך וויל פֿאַרגעסן
מיין היים,
מיין שטוב,
ווּוּ איך בין געבוירן
און מיין גאַס,
ווּוּ איך האָב פֿאַרלוירן
מיין מאַמען און מיין שוועסטער.

איך וויל פֿאַרגעסן מיינע קינדער־יאָרן,
מיין שטיבעלע און מיין סעדעלע,
מיין פֿידעלע
און מיין לידעלע
„אויף דעם פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל,‟
מיין פֿרייד
און מיין געוויין,
ווען דער טאַטע
האָט מיך אין דער פֿינצטער
שלאָפֿן געלייגט אַליין.

איך וויל פֿאַרגעסן
מיינע יונגע יאָרן,
וואָס זיינען אַדורך,
ווי אַ טרוים
און אָפּגעפֿאָרן.

איך וויל פֿאַרגעסן
און וויל ניט גלויבן,
אַז איך בין דער זעלבער וואָס אַמאָל.
איז מיין נאָמען טאָקע ריכטיק?
איז עס וואָר און ניט קיין טרוים?

* * *

איך ווייס אַליין ניט
ווי אַזוי, און פֿאַרוואָס
פֿון צייט צו צייט,
דריקט מיין האַרץ
אַ שווערער באַרג
און עס וויטאַגט שטאַרק.
דעמאָלט קלאַפּט די פֿאַרגאַנגענהייט
מיט דעם האַמער פֿון אַמאָל
און יאָגט אַן אין מיין אויער
טענער אָן אַ צאָל.
עס שווימען אויף געשטאַלטן
און טויטע בילדער לעבן ווידער,
עס טויכן אויף געזיכטער,
גוטע פֿריינד און גוטע ברידער.

איך הער זיך צו,
דאָ געלעכטער,
דאָרט געוויין,
אַזוי איז שוין דאָס לעבן
און אַזוי מוז אייביק זיין.
און צום לעצט מיין יונגע שוועסטער,
זי קומט צו מיר,
מיין פֿריינד, מיין בעסטער,
זי לאַכט,
זי שטרעקט די אָרעמס אירע אויס
און לייגט זיי
אויף די אַקסל מיינע צוויי.

* * *

קום מיין פידעלע,
קום מיין לידעלע,
שפיל מיר,
זינג מיר
ווידער אויף!

די סטרונעס וויינען
און איך מאַך זיך לאַכן,
עסן, טרינקען און פאַרגעסן.
און מענטשן מיינען אַז איך פריילעך בין,
ווייל עס שיינט די זון,
עס גרינען ביימער
און גרין געוויקס,
ווו דו שטייסט
און ווו דו בליקסט.

און אַ הויז, אַ שלאָס
מיט גרויסע זאַלן, גאַלעריען און טעראַסן;
און איך זויף,
און איך שפרינג,
און איך טאַנץ
און איך זינג.
איך קויף מיר אַ ביסעלע פרייד,
אַ קליינעם טראָפן אין ים פון לייד.

* * *

קום מיין פידל,
קום מיין לידל,
שפיל מיר,
זינג מיר
ווידער אויף.
איך וועל טרינקען,
איך וועל עסן,

טאַנצן, הוליען
און ניט פאַרגעסן.
ניט פאַרגעסן
און גוט געדענקען
מיין היים, ווו איך בין געבוירן
און מיין גאַס, ווו איך האָב זיי פאַרלוירן.

שפיל מיין פידעלע,
זינג מיין לידעלע,
שפיל און זינג מיר שטיל און לאַנג,
וועק מיין מאַמען,
וועק מיין שוועסטער,
דריק די סטרונעס, שטאַרקער, פעסטער,
וועק זיי, רוף זיי,
קרעכץ און וויין,
העכער שפיל
און זינג מיר לאַנג,
ווייל איך בין אַליין
און עס איז מיר באַנג.

דער הימל גרוי,
די זון גייט אונטער,
דער ווינט בלאָזט קיל;
מיין טרויער מאַנטל,
היל מיך, היל,
און דו, מיין פידל,
מיין טרויער־לידל
זינג מיר,
שפיל מיר,
שפיל אַ שפיל.

שלאָס לאַנגענצאַל, יוני, 1945, נאָך דער באַפרייונג.

אַ בלומען־קראַנץ ביאַליקן פון „עיר ההריגה"

אין אַ לאַנד אַ ווייס,
ביים ראַנד פון ים,
אין אַ לאַנד
פון ווייסע שטיינער, בערג,
אין הייסער ערד
ליגט ביאַליק דער דיכטער,
דאָרט רוען זיינע ביינער.

איך שטעל מיר פאָר:
אַ קבר מיט בלומען און קרענץ
מיט אַ ביסעלע זון און פיל שאָטן,
אַרום איז שטיל.
און נאָר עס שעפּטשען די ביימער
אַ לידעלע אַ זיס
און זיך בייגן די צווייגן
צום אייביקן גרוס.

פון נאָענטן ים
בלאָזט אַ ווינטעלע אַהער
און אַ שאַרפער דופט
פון צייטיקער פרוכט
טראָגט זיך אין דער לופט.

פונדערווייטנס,
ביי ווייסע קוואַלן,
מאָלן שטרייפן
שמאָלע טאָלן
און גאָלדענע רייפן
מיט אָראַנזשן פול.

און ווייס איז אַרום
און שטיל;
מען הערט קיין שאָרך,

מען הערט קיין שטים,
נאָר אַ זשום פון אַ בין
אויף אַ בלום.

און אַ ווייסער גלאַנץ
לייגט זיך אויף מיין קראַנץ.
און איך קרעכץ,
ווייל עס איז מיר שווער.
איך לויף אַהין,
לויף אַהער,
קלעטער, רייס און הייב
הויפנס בלומען,
הויפנס בלעטער.
און טראָפנס שווייס
באַדעקן מיין פּנים
און גלאַנצן אויף מיין לייב.

מיד פון לויפן,
מיד פון קריכן,
מיד פון הייבן,
מיד פון זוכן,
דאָ אַ בלום,
דאָרט אַ פלאַנץ,
שלעפּ איך זיך
פון לאַנד צו לאַנד,
פון פעלד צו פעלד
און רייס
טרויער שוואַרצע
און בלוטיק רויטע
בלומען פאַר מיין קראַנץ.

איך רייס בייטאָג,
איך רייס ביינאַכט,
אויף אַלע פעלדער,
און אַלע וועלדער

פון גאַנץ אייראָפּע ;
אין די קרעמאַטאָריעס
פון אוישוויץ, בוכנוואַלד און דאַכאַו,
אויף אַלע פעלדער און וועגן,
ווו מען פלעגט זיי פירן,
ווו פון הונגער און דורשט
פלעגן טויזנטער פאַלן
און מיליאָנען קראַפּירן.

איך רייס בלומען
אין די זומפּן פון שעמבערג,*
אין די לאַגערן אָן אַ צאָל,
ווו עס האָט געשפּריצט
דאָס יידישע בלוט
אויף יעדן טריט און שריט.

אויף די וויהיינגער מאַסן־קברים,
אין אַלע גרויסע שטעט פון פוילן
אין אייראָפּע, אויף אַלע שליאַכן,
ווו דייטשע וואַכן
האָבן קינדער, פרויען און אַלטע לייט
געפירט און באַגלייט.

און צום לעצט אין טרעבלינקע,
ווו צווישן הימל און ערד
און שטימע פיר ווענט
זיינען געוואָרן אונדזערע טייערסטע
פאַרגאַזט און פאַרברענט.
אויך פון וואַרשעווער געטאָ
וויל איך בלומען רייסן,
ווו יונג און אַלט

* קאָנצענטראַציע לאַגער.

זיינען צום קאַמף אַרויס
און פאַרטיידיקט יעדע מויער
ביז צום לעצטן הויז.
ווו ביי יעדער וואַנט
האָבן פרויען
געשאָסן
און געפאַלן
מיט געווער אין דער האַנט.

* * *

שיין איז מיין קראַנץ
רויט איז זיין גלאַנץ,
יעדעס בלעטעלע — אַ יידיש לעבן,
יעדעס בלימעלע — אַ יידיש האַרץ.

* * *

אַזוי שטיי איך און טראַכט,
ביז עס פאַלט צו די נאַכט
און אַ שוואַרצער גלאַנץ
לייגט זיך אויף מיין קראַנץ.
און שטיל איז אַרום,
מען הערט קיין שאָרך,
מען הערט קיין שטים;
נאָר פון נאָענטן ים
בלאָזט אַ ווינטעלע אַהער
און עס שעפּטשען די ביימער
טרויריק און וויסט
און בייגן די צווייגן
צום אייביקן גרוס.

שלאָס לאַנגענצעל, יוני 1945

אויף די קברים פון ווייהינגען *

איך האָב באַטראַכט די ערד,
פול מיט ווייטאָג,
פול מיט טרויער;
די ערד,
ווו געשלאָגן און געפּלאָגט,
געפּייניקט און געיאָגט;
ווו פאַרשמאַכטע פון הונגער,
פאַרשמאַכטע פון נויט
האָבן מיר געהאָרעוועט,
זיך געמאַטערט
און געוואַרט אויף דעם טויט.
און ער פלעגט קומען.
ער האָט זיך געשלייכט און געקריצט.
אַ מאָל אַ שוואַכן געלאַזט
און גאָר אַ שטאַרקן גענומען.

דער פיינט האָט געלאַכט
ווען דער הויפן איז געוואַקסן;
ער איז געשטאַנען, געלאַכט,
און די טויטע לאַנגע רייען
מיט הנאה באַטראַכט.
און ווען מיר האָבן אַ קבר געגראָבן
און מיר פלעגן מידע און דערשעפּטע
פון פיל הייבן און טראָגן
זיך לאַנגזאַם באַוועגן,
האָבן זיי, צילנדיק דאָס געווער,
געשריען און געיאָגט.

* ווייהינגען — ק"צ־לאַגער אין דייטשלאַנד ביי שטוטגאַרט, וווהין דער אויטאָר מיט נאָך איבער צוויי טויזנט מענער פון דער אויס־געראַטענער יידישער באַפעלקערונג פון ראַדעם — דעם מחברס היימשטאָט — זיינען געבראַכט געוואָרן אין אויגוסט, 1944.

„העי, דו !
ביסט קראַנק, שוואַך,
שוין קומסטו אין דער ריי
אויך דו,
דו און ער.“
און מיר האָבן געגראָבן אין דער ערד
קברים אָן אַ סוף,
אין יעדן גרויען פרימאָרגן,
נאָך יעדער, אַנדערער נאַכט,
פלעגן פון יעדער „שטובע“
און פון יעדן בלאָק
טויטע וואַנדערן אויפן באַרג אַרויף.

איך האָב באַטראַכטן די ערד,
וואָס איז פול מיט אונדזער פיין,
וואָס האָט איינגעזאַפּט אונדזער בלוט
און אונדזער לעבן פאַרצערט.

איך שפּרייז פון גרוב צו גרוב.
דאָ און דאָרט
האָט אַ ברודער און פריינד
אַ פלעטל געזעצט
און אַ נאָמען געשריבן.

אָנגעשפּאַרט אָן דעם קרייץ *
באַטראַכט איך די נאַכט
וואָס קומט,
איר פּראַכט און סודותפולן רייץ,

* נאָך דער באַפרייאונג, האָבן די קריסטן, געוועזענע וויהינגער קאַצעטלער אויפגעשטעלט אַ קרייץ. שפּעטער האָבן די יידן אויך געשטעלט אַ מצבה פאַר די אומגעקומענע.

און איך דענק,
אַז ליגן דאָ פון זיבן נאַציעס
פופצן הונדערט פאַרפייניקט און טויט.
איז איך בין אַרויס גאַנץ
פון הונגער, קלעפּ און נויט.
פאַרוואָס ?
בין איך דען מער ווערט
ווי די, וואָס ליגן דאָ
אומשולדיק, פאַרפייניקט
אין דער ערד?

מיין האַרץ איז טויט,
מיין בלוט וואָס פליסט אין מיר,
פליסט לאַנגזאַם און שווער
און איך קען ניט מער אַנטשיידן
דאָס גוטע פון דעם שלעכטן,
דאָס פאַלשע פון גערעכטן.
איך בין עלנד ווי אַ שטיין,
ווי אַ הוילער שאָטן,
אָפּגעזונדערט און אַליין.

עס לויפט אַ טאָג נאָך אַ טאָג
און ווידער קומט די נאַכט
און נאָר איך טראַכט און טראַכט:
היינט בין איך דאָ, מאָרגן ווידער דאָרט.
אָבער ווו איך קום
און ווו איך גיי
איך געפין קיין רו,
געפין קיין אָרט.
מיין רו איז פאַרשוווּנדן,
מיין האַרץ איז טויב
און איך בין געגליכן צו אַ בלינדן.

איך בין געקומען אויף די ערד,
ווו געשלאָגן און געיאָגט,
ווו פאַרשמאַכטע פון הונגער,
פאַרשמאַכטע פון ברויט,
האָבן מיר געהאָרעוועט,
זיך געמאַטערט
און געוואַרט אויף דעם טויט.

איך בין געקומען אויף די ערד,
ווו די קברים זיך הויפן,
ניט צום וויינען,
ניט צום קלאָגן.
איך בין געקומען אייך וועקן
און זאָגן,
אַז איר לעבט!

איר לעבט!

אין שטילן געשריי פון צעבראָכענע הערצער
וואָס בענקען,
אין די טעג, וואָס זיינען אַוועק,
אין די נעכט, וואָס ציען זיך אָן אַן עק,
אין דעם מאָרגן וואָס קומט,
איר לעבט!
אין דעם שאָרך פון ווינט,
וואָס שלוכצט צווישן די קברים,
וואָס וואָיעט מיט טרויער
און בלאָזט בלינד אין אַלע זייטן,
איר לעבט,
איר שרייט,
איר מאָנט!

און איך האָב נאָר איין פאַרלאַנג:
זאָל זיך ברייט צעשפּרייטן דער אמת
און מען זאָל אייך גלויבן,
אַז איר זענט פון הונגער געשטאָרבן,
אַז מען האָט אייך אומשולדיק געהרגעט,
געפּייניקט און געפּלאָגט.

איך בין געקומען אויף די ערד,
וווּ די קברים זיך הויפן.
איך שטיי איינזאַם און אַליין.

עס נידערט די נאַכט,
מיט איר צויבער און פּראַכט;
דער הימל מיט די שטערן
און דער טוי, ווי בלומען־זאַפט.

איך שטעל אָן מיין אויער,
איך וויל הערן שטימען.
אָבער שטיל איז אַרום,
נאָר שוואַרצע, לאַנגע שאָטנס שוועבן און שווימען.
און עס הילכט אָפּ אַ רוף:
מיר זיינען פון הונגער געשטאָרבן,
מען האָט אונדז געשלאָגן און געיאָגט,
אומשולדיק געהרגעט,
פאַרפּייניקט און געפּלאָגט.

צענטער פון די באַפרייטע יידן, שטוטגאַרט, סעפּטעמבער, 1945

אַ פ ר י י נ ד *

אַ פרײַנד דערקענט מען אַמאָל
אין אַ װאַרעם װאָרט,
װאָס פליסט פון האַרץ.
זײַן שמײכל גרוסט
און פילט דיר מיט
װאַרעם ליכט זײַן בליק.
אַ פרײַנד צו האָבן איז אַ גליק.

דו ביזט אײנזאַם און אַלײן,
אָבער גלײך הערסטו זײַנע טריט,
שױן קומט דער פרײַנד
און װידער ליכט זײַן בליק.
אַ פרײַנד צו האָבן איז אַ גליק.

אַ פרײַנד פאַרשטײט,
אַ פרײַנד פאַרגיבט,
ער צוליבערט פיל,
װוּ ער קומט און װוּ ער גײט
שײַנט די זון פול מיט ליכט.
דו זעסט דײַן מאָרגן,
דו זעסט דײַן ציל.
דער פרײַנד,
ער שװײַגט און דריקט דײַן האַנט
און װאַרעם ליכט זײַן בליק.
אַ פרײַנד צו האָבן איז אַ גליק.

* געװידמעט דעם אַמעריקאַנער אױבער־לוטענאַנט א. האַטלער.
סעפּטעמבער 30, 1945

וווהין?

עס האָט מיך געחלומט אַמאָל,
איך שטיי ביים ברעג ים
און דער ים —
ער שפּילט מיר אַקעגן.
די כוואַליעס — זיי טאַנצן,
די פישעלעך שפּרינגען
און שיפעלעך קליינע
שווימען און זינגען.

דער ים —
ער הייבט זיך און טרייסלט
און פריילעך שטורעמט דער ווינט
און גאָלדענע שטראַלן —
זיי גלאַנצן,
און שיפעלעך
שווימען און טאַנצן;
זיי פליען און גיבן סיגנאַלן,
זיי רופן, זיי ווינקען, זיי שטראַלן.
דאָס וועטער איז לינד,
ס'בלאָזט אַ קלייניקער ווינט
און די שיפעלעך —
זיי שווימען און גלאַנצן.

* * *

שיפעלע, שיפעלע קליינס,
שיפעלע, שיפעלע מיינס,
איך וויל דיר אַ לידעלע זינגען,
אין דיין שטיבעלע וויל איך פאַרברענגען;
איך וויל מיט דיר פליען,
ווו די בלומען־גערטנער בליען
און די כוואַליעס אָן סוף זיך אויסציען.

דער ים —
ער הייבט זיך און טרייסלט
און פריילעך שטורעמט דער ווינט
און גאָלדענע שטראַלן —
זיי גלאַנצן,
און שיפעלעך
שווימען און טאַנצן.

* * *

זעגעלע, זעגעלע קליינס,
זעגעלע, זעגעלע מיינס.
איך וויל זיך מיט דיר ניט שיידן,
איך פלי מיט דיר מיט,
דו האָסט שטילינקע טריט,
דו צוימסט און שטילסט מיינע לײַדן.

שיפעלע, שיפעלע קליינס,
שיפעלע, שיפעלע מיינס,
נאָר דו ביסט אַליין
געבליבן פאַר מיר
אַ שטיבעלע איין;
מיין היים ליגט אין רויך,
מיין שטאָט איז מיר פרעמד,
אויך איך בין ווי טויט
און מיין האַרץ איז פאַרקלעמט.

דער ים — ער הייבט זיך
און טרייסלט
און טרויעריק יאָמערט דער ווינט,
די גאָלדענע שטראַלן,
זיי גלאַנצן,
און שיפעלעך שווימען
און טאַנצן.

* * *

שיפעלע, שיפעלע קליינס,
שיפעלע, שיפעלע מיינס,
פלי שנעלער
און שוועב דורך די ימים;
שוין לייכט זיך אַ פלעמל,
איצט העלער און העלער
און פייגעלעך פליען צוזאַמען.

זעגעלע, זעגעלע קליינס,
זעגעלע, זעגעלע מיינס,
דער ברעג איז שוין נאָענט,
ער רופט און ער מאָנט,
די ליכטעלעך ווינקען
און די הייזעלעך בליצן ווי פונקען.

דער ים —
ער הייבט זיך און טרייסלט
און פריילעך שטורעמט דער ווינט,
און גאָלדענע שטראַלן —
זיי גלאַנצן
און די שיפעלעך
שווימען און טאַנצן.

* * *

שיפעלע, שיפעלע קליינס,
שיפעלע, שיפעלע מיינס,
די ערד איז ווידער פאַרשוואונדן;
מיט דיר מוז איך בלייבן,
דאָס זעגעלע טרייבן,
אויף דיר מיין שטיבעלע גרינדן.

זעגעלע, זעגעלע קליינס,
זעגעלע, זעגעלע מיינס.
דיין שטיבעלע ציטערט,

שוין קומט אַ געוויטער
און מיין האַרץ —
עס לאַכט טרויריק און ביטער.

דער ים,
ער הייבט זיך און טרייסלט
און מיט רוגזה שטורעמט דער ווינט;
די זעגל און ספּלינטערס —
פאַרלוירן זייער מאַכט,
פאַרלוירן און פאַרוואָגלט
אין דער פינצטערער נאַכט.

דער ים,
ער הייבט זיך און טרייסלט
און טרויריק יאָמערט דער ווינט.
פאַרשוווּנדן די ברעגעס,
די שטראַלן און זייער גלאַנצן
און די שיפעלעך —
זיי שווימען און טאַנצן;
זיי פליען און גיבן סיגנאַלן;
זיי רופן, זיי ווינקען, זיי שטראַלן.
די פישעלעך שפּרינגען
און די שיפעלעך קליינע
האָפן און זינגען;
און די שיפעלעך קליינע
האָפן און זינגען.

די ברעגעס פון לאַנג שוין פאַרשוווּנדן,
פאַרלוירן די זוניקע שטראַלן,
פאַרוואָגלט אין די שווערע אָפּגרונדן,
די שיפעלעך, זייער רופן, סיגנאַלן.

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, אָקט. 9טן, 1945

די לעצטע נאַכט*

און ווידער איז פאַרביי אַ טאָג,
אין פלוג, דער זעלבער וואָס אַלע מאָל:
פול מיט ליידן,
פול מיט פלאָג,
שווער פון זאָרגן,
שווער פון פיין,
נאָס פון טרערן,
זאַט פון בלוט,
פול מיט יאָמער און געוויין.

עס איז פאַרביי
אַ טאָג,
אין פלוג
דער זעלבער וואָס אַלע מאָל.
געשאָכן האָבן זיי,
ווי שטענדיק,
כמעט די זעלבע צאָל:
אַ פּאָר פרויען,
אַ פּאָר מענער,
ס'שפּילט קיין ראָלע
דער, אָדער יענער,
אַבי אַ ייד.

און עס פיבערט די גאַס
מיט אירע גאַסן און בלאָקן.—
וואָס וועט מאָרגן זיין?
אויגן פינקלען טריב און גרוי,
מאַמעס זיפצן און קרעכצן אוי,
קינדער טרויריק און דערשראָקן

* די אויסזידלונג אין גרויסן געטאָ אין ראָדעם,
דעם 16טן און 17טן אויגוסט, 1942.

לויפן, שפרינגען
אין אַלע עקן,
ווו קליינע גרופּן,
גרויע שאָטנס און שוואַרצע פלעקן
מורמלען שטיל.
מען פלוידערט און מען זאָגט,
דער אַ וויצל,
דער צווייטער — צוויי,
דער דריטער — דריי,
און איבער זיי,
דער הימל בלוי
און שווער ווי בליי.

עס איז פאַרביי אַ טאָג
פול מיט ליידן,
פול מיט פּלאָג,
שוואַרץ פון זאָרגן,
שווער פון פּיין,
נאַס פון טרערן,
זאַט פון בלוט,
פול מיט יאָמער און געוויין.
ער איז פאַרביי
און מיט זיין ביסעלע ליכט
צעשווומען אין דער טונקעלער נאַכט.

ש־שאַ, שטיל, ש־שאַ.
עס שלאָפן די הייזער
און די גאַס מיט אירע בלאָקן
אין טיפן טרוים פאַרזונקען.
ש־ש־שאַ . . .

אויך די שטאָט מיט איר געבריל,
מיט איר פייפן און געפילדער,
איז היינט פריער ווי אַלע מאָל,
פלוצלינג און מיטאַמאָל

געוואָרן שטיל, שטיל.
עס זיפּצן די הייזער
און די גאַס מיט אירע בלאָקן
אין טיפן שלאָף פאַרבאָרגן,
וואָס וועט מאָרגן זיין ?

* * *

ווייטע גלאָקן קלינגען מילד
און אַ חלום שוועבט, אַ בילד;
עס פלאַטערט,
עס ציטערט,
עס לעבט.

די גאַס מיט אירע געסעלעך אַרומגעצויגן,
אָנגעפּראָפּט מיט הייזער
און כאַלופּעס אויסגעבויגן
טוליען זיך צוזאַמען,
אין שרעק פאַר בייזע אויגן,
ווי אַ קינד צו דער מאַמען.

איינדריגען געפּילדער,
לאַכן און געבייזער
פון דורות אָן אַ צאָל.

צדיקים טרוימען און זוכן דעם סימן,
דעם הייליקן רוח
פון אויסלייזער,
דעם משיח, וואָס דאַרף קומען,
דער הייגט צאַפּלט און האָפט אויף דעם מאָרגן,
דער נעכטן צעשוואומען אין צויטן פון אַמאָל.

אַ טאָג אין דער וואָך,
אָנגעפּילט מיט זאָרגן,
אַ טראָפּן פרייד
אין אַ ים פון לייד.

אַ שמחה, אַ יריד,
אַ טרער און אַ ליד.

די מאַמעס פּאַרסאָפּעס,
פֿאַרען זיך אין שטוב;
דער טאַטע אין גאַס
האָרעוועט
און עס איז אים ליב.
די קינדער אין שול,
אַ שבת, אַ יום־טוב
און אַ ריקודל, ווי אַמאָל.

די זון פֿלעגט שיינען,
אַמאָל פֿלעגט מען לאַכן,
אַמאָל פֿלעגט מען וויינען;

די טעג זיינען געלאָפֿן,
מיט נעכט זיך געטראָפֿן,
אין חדשים צעוואַקסן,
און געהאָלפֿן זיך פֿאָרן
יאָרן פֿון נעכטן
מיט יאָרן פֿון מאָרגן,
און געהאָלפֿן אויסוועבן
דעם אַמאָליקן פֿאָרם
פֿון דורות אַ לעבן.

* * *

אַזוי שוועב איך און טראַכט
אין דער שטילער, שוואַרצער,
אין דער לעצטער נאַכט.

די לעצטע נאַכט.

פֿינצטער און שוואַרץ
און מיט טרויער פֿול

איז מיין האַרץ,
עס ווייַנט.
איך שוועב מיט מיין גייסט
און זוך אַ האָפענונג
און זוך אַ טרייסט.

ש־שאַ, שטיל,
שטילער, שטיל... ש־שאַ...
איך האָרך.
ווי אַ שאָרך, טריט...
איך פיל ווי ער קומט
דער וואָלקן, שוואַרץ און בלוטיק רויט
און פּאָרויס, ווי אַן אויסגעשטרעקטער חלף,
דער שטן פון טויט.
איך האָרך...
איך זוך אַ טרייסט,
אָבער פינצטער איז די נאַכט
און חרוב איז מיין גייסט.

שוין קומט דער סוף
און עס וואַכט ניט אויף,
ווי ביי דער עקדה אַמאָל,
ניט קיין מלאך
און ניט קיין שרף,
צו ראַטעווען פון חורבן
ישראל, דיין פאָלק,
דעם אויסדערוויילטן קרבן.

און ווי אַמאָל,
מיין בליק לויפט
און שפרייזט צוריק,
צום ליד,
וואָס קדושים האָבן געזונגען,
ווען פייער־צונגען

האָבן געפלאָכטן זייער לייב
און זיי האָבן געשריען
שמע ישראל !
איך גלויב, איך גלויב !
דעמאָלט, גאָט,
האָסטו גענומען דיין רויב
פון מענטשן־בלוט.
עס זייבען ווייניק געווען
די שאָף און די רינדער.
איצט ווידער
האָסטו פאַרלאַנגט
בלוט פון מיליאָנען,
פון קליינע, אומשולדיקע קינדער.

דו האָסט דיר געמאַכט אַ שפּיל
און אַרויסגעשיקט דעם הענקער
מיט דער שווערד
און ער האָט געשניטן
ווי גראָז,
ווי היי,
איבער טויטע געריטן,
אין ווילדער רציחה
געברענט און צעריסן,
קליינע קינדער אויף די ווענט געשליידערט
און זייער געשריי איז צו דיר ניט דערגאַנגען.

דו האָסט דיך געשפּילט
מיט זייערע נשמות,
וואָס האָבן געצאַפּלט פון שרעק,
געטריבן פון דיר, געלאַכט, געקוקט
און זיך געפרייט,
ווען די קערפּער האָבן זיך געשטיקט, געשריגן
און פון שמערצן זיך געוואַלגערט און געדרייט.

* * *

אין דער לעצטער נאַכט,
איך דערמאָן זיך און טראַכט.
נאָך קלאַפּן מידע הערצער
אין טיפן שלאָף פאַרבאָרגן.
זיי צאַפּלען, זיפצן און פרעגן,
וואָס וועט מאָרגן זיין?

און דער מאָרגן קומט,
דער מאָרגן גרויט
און אַ שוואַכער שיין,
אַ דינער שטרייף
און ליכט אַ פּאַס
שלענגלט זיך און בלויט.
דער מאָרגן קומט,
דער מאָרגן גרויט.

* * *

טראַך... טראַך... טראַך...
עס האָט אָפּגעהילכט
אַ קנאַל,
איינער, צוויי און דריי.
האַלב נאַקעט און באָרוועס,
די ציין פאַרהאַקט,
די אויגן אַרויס,
צוויי העמדער פאַרפּאַקט,
דאָס קינד אויף דער שויס,
עס שלייכן זיך צוויי,
עס שלייכן זיך דריי
ביי דער מויער,
ביי דער וואַנט
און דאָס געווער,
עס קנאַקט
און שליידערט דעם טויט

אויף דעם הויפן,
וואָס ציטערט
און דרענגט זיך ביים פּלויט.

אַרויס פון די הייזער,
אַרויס פון די בלאָקן!
שנעל, שנעלער, שנעל!
זיי לויפן און צאַפּלען
אויף די טרעפּן,
אויף די שטאָקן.
די טירן אָפּן,
די פענצטער פאַרקנאַקט,
קורץ און אָפּגעהאַקט —
קאָמאַנדאַס,
באַזאָפּן און בראַוו
צום באַפעל:

און שוין ליגן זיי
נעבנאייינאַנדער זיבן.
דער טאַטע,
די מאַמע,
און קינדער פינף
פון קעלער אַרויסגעקליבן.

דעם טאַטן איז קוים
דאָס לעצטע געשריי:
שמע ישראל!
האַלב אַרויס פון קעל,
טראַך!... טראַך!
און צום באַפעל.
ווי היי, ווי גראָז
געשניטן,
ווי שמאַטעס
און בלוט,
אין לעצטן ציטער,

מיט אַ האַלבן שמייכל
פאַרוווּנדערט און ביטער.
צום באַפעל.
ער צילט און זוכט
אין די רייען.
דעם אַלטן,
ער איז שוואַך
און קוים וואָס ער קריכט;
די קליינע מיט די שוואַרצע צעפּ
און די צווי געאָרעמט.
ער צילט און שיסט
אין זיי און איבער די קעפּ,
צום באַפעל און ער קנאַלט.

שנעל, שנעלער, שנעל,
און שטיל, אָן געשריי, אָן געוואַלד,
שנעלער, שנעל.
באַלד ווערט ליכטיק און העל .
זיי לויפן און סאַפּען
און ציען זיך ווי אַ שלאַנג.
אַ ריי נאָך אַ ריי,
שטיל, אָן געפּילדער,
מען הערט קיין שאָרך,
מען הערט קיין קלאַנג.

אין דער גרויער קעלט פאַרשטומט,
טיף אין האַרץ פאַרגליווערט,
אין די גלידער פאַרבאָרגן
איז דער ווייַ
און דאָס שטומע געשריי —

ה ע ר אַ ו ו ע ל ט!

נאָר דאָס שופּלען פון פּיס
און קלאַטער פון ביינער
ווי אַ לעצטער גרוס
צום מאָרגן וואָס בלויט.

איך האָרך,
אומזיסט.

מען הערט קיין שטים,
מען הערט קיין שאָרך,
נאָר אין מיין מוח פאַרשטאַרט
ברומט דער צער
און קלאַפּט מיט טויזנט האַמערס,
און מיין האַרץ פאַרקלעמט
נעמט אויף דעם יאָמער
פון דער לופט,
פון דער ערד,
פון די קאַלטע שטיינער.

און דער הענקער,
שוין צילט ער
און זוכט דעם שוואַכן,
וואָס קוים ער קריכט,
דאָס קינד, וואָס קוים עס גייט.
די קערפּער טייל פאַלן,
טייל קניען פאַוואָליע,
צ״ען זיך אויס און לייגן
און די הימלען
זען דאָס צו און שווייגן.

עס שווייגן אויך די מאַמעס
און די קינדער אויף זייער שויס,
זיי צאַפּלען, ציטערן און לויפן פאָרויס
האַסטיק און ווילד.
פון דער וואַנט צום פלויט,

פון פלויט צו דער וואַנט,
געשלאָגן, געיאָגט,
מיט שטעקנס געטריבן
אין די אָרעמס פון טויט.
אין די וואַגאָנען געשטאָפּט,
פאַרקלאַפּט און אָנגעפּראָפּט
און אַוועק, אַוועק,
פון וואַרשע, פּאַריז,
בערלין און ברוסעל,
פון דאָרף אין די שטאָט,
פון שטאָט אין די וועלט,
פון אייראָפּעס ברייטע גאַסן
געשטויסן און געטריבן,
אין קאַמערן געזוכט
און פון קעלערן אַרויסגעקליבן.
זיי שווימען אין די מאַסן,
לאַנגע שנורן,
צוגן אָן אַן ענד
און ווייטער פאָרויס
נאָך טרעבלינקי, מאַידאַנעק —
אויס און אַוועק.

* * *

די שטאָט ליגט שטיל,
די הייזער און בלאָקן
אָפן און ליער.
שטיל אויף די טרעפּן,
פּוסט אויף די שטאָקן.
דער ווינט בלאָזט טרויריק
און הוילט ווי אַ הונט.
יעדע שטוב, ווי אַ חורבה.
יעדעס צימער ווי אַ גרוב.
קליידער און וועש
צעשיט און צעשפּרייט.

צעוואָרפן און גרייט.
דאָ אַ רינג —
אַוודאי דער מאַמעס פון אַמאָל,
דאָרט אַ הויפן פאָטאָגראַפיעס,
צעשיט און אָן אַ צאָל.

אויף דער וואַנט
קלאַפט דער זייגער:
איינס, צוויי, דריי, ביז אַכט.
עס דוכט זיך מיר,
איך הער, ווי ער לאַכט,
האַ - האַ - האַ...
איך בלייב שטיין
און טראַכט:
איצט פליען די וואַגאָנען
און די לאָקאָמאָטיוון סאַפּען,
זיי פליען און קלאַפּן.
צוגן, ווי געשפענסטער,
פאַרקלאַפּט און באַוואַכט
מיט קראַטעס אין די פענצטער;
לאַנגע שנורן,
צוגן אָן אַן ענד.
זיי פליען און ציען
ווייטער און פאָרויס,
נאָך טרעבלינקי, מאַידאַנעק,
אויס און אַוועק.

דער זייגער קלאַפּט צען,
דער זייגער קלאַפּט צוועלף,
פליען נאָך די צוגן?
קלאַפּן נאָך די רעדער?
דער זייגער קלאַפּט צוויי,
דער זייגער קלאַפּט פיר,
עס ציטערט מיין האַנט,
עס ציטערט מיין פעדער.

דער זייגער קלאַפּט זעקס,
דער זייגער קלאַפּט אַכט,
עס נידערט דער אָוונט
און עס קומט ווידער די נאַכט.
דער זייגער שלאָגט,
דער זייגער קלאַפּט
און מיר דאַכט זיך
ער לאַכט, האַ - האַ...

* * *

פון דעמאָלט ביז היינט
דער זייגער האָט געשלאָגן,
דער זייגער האָט געקלאַפּט,
די טעג איינגעשלונגען,
די נעכט איינגעזאַפּט.
עס זיינען פאַרביי
פיל מאָנאַטן
און טרויריקע יאָרן,
איך האָב קיין מאָל מער געלאַכט;
פאַרביי דאָס ביסעלע פרייד,
דאָס לעבן איז אָפּגעפאָרן;
געבליבן איז נאָר אויף אייביק
די שוואַרצע, לעצטע,
די אייביקע נאַכט.

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, אָקט. 31, 1945

אַ גוטער טאָג*

קאַלט, קאַלט, קאַלט,
אַ זילבערנער פראָסט
אין ווייסן וואַלד.
דער פראָסט קנאַקט
און דרייט אין דער נאָז.
דער ווינט שרייט,
קרעכצט און בלאָזט.
דער שניי שיט.
שנעלער לויפן,
שנעלע טריט,
ווען ניט,
פאַרפרירסטו
אין דער מיט.

קאַלט, קאַלט קאַלט,
ס'בלאָזט,
ס'שטורעמט,
ס'ברויזט דער וואַלד.
איך רייב מיר די באַקן,
איך רייב מיר די נאָז,
איך הויך אויף די פינגער—
קאַלט, קאַלט, קאַלט,
אַ זילבערנער פראָסט
אין ווייסן וואַלד
און דערצו נאָך
פייניקט דער הונגער.

* אויפן סמך פון אַן איבערלעבונג אין ק"צ־לאַגער אונטערריק־סינגען, דייטשלאַנד, וווּ דער אויטאָר האָט געשקלאַפט ביים בויען אונטערערדישע טונעלן.

אַוועק מיט דער האַק !
אַוועק מיט דער זעג !
צום טייוול דאָס האָלץ,
צום טייוול דער וועג !
ברויט גיבט אַהער,
ברויט !
אַ מוצא ברויט
און הייסע זופּ.
איך לויף אַרויף
און לויף אַראָפּ,
איך שריי און שפּרינג,
איך ברום און זינג ;
ברויט און זופּ,
הייסע זופּ,
אַ שלינג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ,
אַ שלינג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ.

קאַלט, קאַלט, קאַלט.
ס'בלאָזט,
ס'שטורעמט,
ס'ברויזט דער וואַלד.
אַ שניידיקער פראָסט,
קעלטער ווי אייז.
קיין בלעטל,
קיין גראָז,
קיין קוימען,
קיין רויך;
ווייס, ווייס, ווייס.
דער שניי שיט,
דער ווינט בלאָזט,

דער פֿראָסט קנאַקט.
איך רייב מיר די באַקן,
איך רייב מיר די נאָז,
איך הויך אויף די פֿינגער.
קאַלט, קאַלט קאַלט.
אַ זילבערנער פֿראָסט
אין ווייסן וואַלד
און דערצו נאָך
פֿייניקט דער הונגער.

„העי, דו, העי!"

איך כאַפּ מיין טאָפּ
און לויף,
איך כאַפּ מיין שיטל
און שפּרינג;
אפשר ברויט,
עסן אַ ביסל.
איך לויף און שפּרינג,
איך ברום און זינג,
ברויט און זופּ,
הייסע זופּ.
אַ שלונג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ,
אַ שלונג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ.

„לאָז אָפּ דעם טאָפּ,
דו לומפּישער קאָפּ!
צווייגן קלייב,
שאָקל אָפּ דעם שניי,
שלעפּ און הייב
און לייג זיי אַוועק,
ביים הייזל, ביים גרינעם,
דאָרט ווייט, אין דעם עק."

קאַלט, קאַלט, קאַלט —
אַ זילבערנער פראָסט
אין ווייסן וואַלד.

דער פראָסט קנאַקט
און דרייט אין דער נאָז.
דער ווינט שרייט,
קרעכצט און בלאָזט,
דער שניי שיט...
און דאָ אינדערמיט
אַ הויז,
ווי פון חלום אַרויס,
פיר ווענט און אַ דאַך,
אַ פענצטער, אַ טיר.
אינדערהויך אַ קוימען
און אַ רויך.
איך פריי זיך און לאַך.

„העי דו ,לאָוז' און ,פאַרפלוכט'!"

קאַלט, קאַלט, קאַלט.
עס ציטערט, עס שטורעמט,
ס'ברויזט דער וואַלד.
דער שניי שיט,
דער ווינט בלאָזט.
איך רייב מיר די באַקן,
איך רייב מיר די נאָז,
איך הויך אויף די פינגער.
קאַלט, קאַלט, קאַלט.
אַ זילבערנער פראָסט
אין ווייסן וואַלד
און דערצו נאָך
פייניקט דער הונגער.

איך נעם מיך צוזאַמען
און פרוביר
צוזאַמענצוציען
צויטן פון לעכער,
צויטן פון עקן,
געפרוירענע פינגער
אין שויס אַריינשטעקן,
די שמאַטענע פּאָלעס
אַרום די נאַקעטע קניען,
דעם שאַרבענעם קאָפּ
און האַלדז אַריינציען,
פאַרשטאָפּן די אויערן,
ניט הערן דאָס וויען.

* * *

וויו זשום — פ... פ... פ...
אַ שאָד מיין באַמיען;
עס בלאָזט, עס שטורעמט,
עס ברויזט דער וואַלד.
דער פראָסט, ווי אַ הייסער פלאַם,
בייסט און גליט אין מיין הויט.
די קעלט, ווי אייז,
ווי נאָדלען דער הונגער.
מיין געזיכט ברייט,
עס שטעכן מיינע פינגער...

אַוועק מיט די צווייגן!
איך וויל ניט מער הייבן,
שלעפן און לייגן!
ברויט גיבט אַהער,
ברויט!
ברויט און זופּ,
הייסע זופּ!

אַ שלונג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ.
אַ שלונג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ.

איך דריי זיך אַוועק,
איך שלייך זיך פּאַוואָליע
צום הייזל,
צום גרינעם,
צום קוימען,
צום רויך.
איך זוך,
און טאַפּ,
אפשר אַ ביין,
פון ברויט אַ רינדל.

איך האָב ! ! !

וווּ איז מיין שיסל?
וווּ איז מיין טאָפּ!

איך לויף און שפּרינג,
איך ברום און זינג.
אַ פּאַס, אַ פּאַס,
אַ פּאַס פול מיט ביינער,
פון אויבן שניי,
פון אונטן פליישׁ,
נאָר נעם און פּאַרייש.

פּאַוואָליע און שטיל,
ס'זאָל קיינער ניט זען.
איך פּיל אָן מיינע טאַשן,
דאָ אַביסל, דאָרט אַביסל,
קאַלטע ביינער, נאַסער שניי,
איך קיי.
פּיל אָן מיין טאָפּ,
פּיל אָן מיין שיסל,
איך בייס און לאַך,
איך קנאַק און צעברעך,
נאָג אויס דעם מאַרך,
זיפּץ און קרעכץ.
איך גריזשע דאָס פלייש,
פליק און פאַרייש.

אַך, ווי גוט!
איך דערקוויק מיר מיין האַרץ
און דערוואַרעם מיין בלוט.

איך רייס שטיקער און בייס
ווי אַ הונט.

און דער ווינט בלאָזט,
דער פראָסט קנאַקט,
און אַ זילבערנער גלאַנץ
שימערט און טאַנצט.

קאַלט, קאַלט, קאַלט.
אַ זילבערנער פראָסט
אין ווייסן וואַלד.
דער פראָסט קנאַקט
און דרייט אין דער נאָז,
דער ווינט שרייט,
קרעכצט און בלאָזט,
דער שניי שיט
און איך אינדערמיט.
איך לויף
און זינג,
איך טאַנץ
און שפּרינג;
אַ טאָפּ פול מיט ביינער,
אַ שיסל מיט פלייש,
נאָר נעם און פאַרייש.

אַ היים, אַ היים,
שוין איינמאָל אַ טאָג.
איך איַל זיך און יאָג.
אַ היים, אַ היים,
נאָך ברויט, זופּ,
פלייש, ביינער,
ברויט און זופּ.
אַ שלונג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ.
אַ שלונג און אַ ביס,
אַריין און אַראָפּ.

שוין איינמאָל אַ טאָג!
שוין איינמאָל אַ טאָג!

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, נאָוועמבער, 1945

קאַמף *

פיל מאָל
האָט דער הימל
געשפּיגן מיט פייער,
געדונערט, געבליצט,
געשטורעמט, געברויזט.

פיל מאָל
האָט זיך
מיין שיקזאַל געוואַקלט,
געציטערט, געפלאַטערט
און געדראָט
מיט זיין פויסט.

פיל מאָל
האָב איך
מיין וויטאָג דערפילט
שאַרפער ווי שפּיזן
אין מיין פאַרבלוטיקטער הויט.
ס'האָט געפייניקט דער הונגער,
ס'האָט געפייניקט די נויט,
ס'האָט געגעסן די בענקשאַפט
און די שרעק פאַר דעם טויט.

איך בין געשטאַנען
און געקלאַפּט,
געוואָרפן און געכאַפּט,
געקוקט און פּרובירט,

* אויפן סמך פון אויטאָרס איבערלעבונגען אויף דער פלאַצהוקע געווער־פאַבריק אין ראַדעם, וווּ ער האָט געאַרבעט ביז דער ליקווידאַציע פון ראַדעמער לאַגער און טראַנספּאָרט קיין וויי־הינגען, דייטשלאַנד.

נאָך אַ מאָל געשליפן,
נאָך אַ מאָל באַטאַפּט,
געאײַלט זיך,
געיאָגט,
פון מײַסטער געשלאָגן,
געשטופּט און געפּלאָגט.

און דער הונגער דערצו
האָט געביסן און גענאָגט,
שטיקער געפּליקט
און שטיקער געריסן.
דאָס מויל האָט געשלונגען,
די אויגן געשריען,
דאָס לײַב האָט געציטערט
פון שמאַך און געשפּרונגען.
די לופט אײַנגעביסן,
דעם דאַמף אײַנגעזאַפּט
און דאָס ביסעלע זופּ
מיט װײַטאָג געטרונקען
און האַסטיק געכאַפּט
אַ לעק און אַ זופּ,
אַ שלונג און אַ צופּ.

און די מאַשינען
װי בינען,
זײ רוישן
און קלאַפּן,
זײ קרעכצן
און סאַפּען.
זײ שלינגען מײַן אָטעם
און צאַפּן מײַן בלוט.

אַך !
ווּ נעמט מען די קרעפטן
ווּ נעמט מען דעם מוט ? !

צוצופאַלן און צערייסן,
די מאַשינען צעשמעטערן,
די פּאַסן צעבייסן,
די שטאָלענע שטוקעס
צעקרישלען און צעשמייסן.

אַך !
ווּ נעמט מען די קרעפטן,
ווּ נעמט מען דעם מוט ? !

איך ציטער פון האַס.

און די מאַשינען — זיי לאַכן
און גרילצן אין שפּאַס.
זיי שלינגען די שטוקעס
און ברעכן דאָס אייזן.
און איך לויף
און איך שפּרינג,
איך איל זיך און יאָג,
אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט,
אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

אַזוי לויפן וואָכן,
מאָנאַטן און יאָרן.
און דער הונגער באָגט,
מאַטערט און פּלאָגט.
די קרעפטן, זיי פאַלן,
די פיס טוען זיך ברעכן,
דער קאָפּ פאַלט אַרונטער,
די זייטן טוען שטעכן.

שוין ווִיל איך זיך לייגן
אויף די קאַלטע שטיינער,
די ביינער אויסגלייכן,
אַביסעלע אָפּסאַפּען,
די לופט אַריינציִען,
דעם אָטעם כאַפּן,
רוען, רוען!

אָבער ווי קען מען עס מאַכן,
ווען אַרום און אַרום
נאָר וואַכן און וואַכן.
און נאָר עס רוישט
און נאָר עס קלאַפּט,
עס סאַפּעט און קרעכצט,
עס שפּריצט און שרייט,
אַזש דער קאָפּ ווערט צעמישט
און די געהירן צעדרייט.

שנעל, שנעלער,
שנעלער, שנעל.

איך קלייב זיך צוזאַמען,
גלייך אויס דעם רוקן,
די פיס,
די הענט
און אַלע גלידער.
און שוין שטיי איך ווידער
און ווייטער, ווייטער,
פון פאַסטן שוואַך,
מיד פון דער אַרבעט.
שלעפּ איך דעם קאַסטן,
לויף נאָך דעם לייטער,

פאַרלייג אין דריי,
בייג זיך און הייב,
קלייב אויף די שטוקעס,
פאַרזעץ זיי און שרויף,
קלאַפּ און שפּרינג,
כאַפּ און לויף,
שמיר און פּוץ,
און נאָר איך אייל
און נאָר איך יאָג,
פון דער פרי ביז די נאַכט,
פון דער נאַכט ביז דעם טאָג.
אַזש ס׳באַגיסט מיך דער שוייס
און איך ברען פון דער היץ.
איך פאַרקריץ די ציין
און פריר ווי אַ שטיק אייז.

* * *

מיינע פינגער ווי אין קראַמף,
די הענט אויסגעבויגן,
דער קערפּער,
ווי אַ סטרונע,
שטייף און אָנגעצויגן;
די פיס צעשפּרייט,
שטיי איך און שריי,
הויך און האַרט,
העכער פון זיי,
פון די מאַשינען,
מאָטאָרן,
טורבינען,
עלעוואַטאָרן —

איך בין דאָ!
איך בין גרייט!

ווייטער צום לויפן,
ווידער צום שפּרינגען,
צום שלעפּן,
צום הייבן,
צום שרויפן,
צום קלייבן.

כאָטש מיינע הענט
זיינען אויסגעבויגן
און מיינע פינגער
ווי אין קראַמף —
כאָטש עס ציטערן
מיינע גלידער
און עס זעצט פון זיין דער דאַמף —
איך בין דאָ!
און זאָג אָן
דעם טייוול,
דעם טויט,
דעם הונגער,
ד'ער נויט,
קאַמף,
קאַמף,
קאַמף!!!

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, יאַנואַר 1, 1946

אַ מעשהלע פון טויזנט,
פון טויזנט און איין נאַכט

עס ציטערן בלויע שאָטנס
אין דעם נעפל גרוי
און קורצע בליצן טאַנצן
מיט רעגן, זון און טוי.

זיי שימערן און גלאַנצן,
ווי בילדער פון אַמאָל,
די פעלדער, וועלדער גרינע
און דאָס טייכל אין דעם טאָל.

זיי זשומען ווי די בינען,
די כמאַרעס אָן אַ צאָל;
זיי שלענגלען זיך און רוישן,
ווי ס'טייכל שטיל און שמאָל.

זיי וועקן, פלוישן און קלאַפן
און פליען פאַר דיר פאַרביי,
לייכט ווי דינע פעדים
און שווער ווי שטיקער בליי.

זיי שעפטשען און דערציילן
געשיכטעס אָן אַ צאָל,
אַז געוועזן און פאַרשוווּנדן
איז דיין לעבן פון אַמאָל.

אַ מעשהלע פון טויזנט,
פון טויזנט און איין נאַכט,
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ ליגן און אויסגעטראַכט.
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ ליגן און אויסגעטראַכט.

* * *

אַז אַ מאַמע פלעגט מיר זינגען
ביים וויגעלע אַ ליד,
אַז זי פלעגט מיך צערטלען, קושן
און גלעטן יעדעס גליד.

אַז מיין טאַטנס האַרטע שטימע
און זיין קאַלטער, שטרענגער בליק,
מיט טרערן פלעגן גלאַנצן
פון שטאָלצער פרייד און גליק.

אַ מעשהלע פון טויזנט,
פון טויזנט און איין נאַכט,
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ ליגן און אויסגעטראַכט.
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ ליגן און אויסגעטראַכט.

* * *

אַז געהאַט האָב איך אַ שוועסטערל
און געליבט זי אָן אַ שיעור,
פון טאָג ביז נאַכט, פון נאַכט ביז פרי
געלעבט האָט זי אין האַרץ ביי מיר.

געטראַכט מיט איר,
געלאַכט מיט איר,
געוואָרנט און געטרייסט
און דערמאָנט איר יעדעס מאָל,
וואָס ברודער־ליבע הייסט.

אַ מעשהלע פון טויזנט,
פון טויזנט און איין נאַכט,
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ ליגן און אויסגעטראַכט.
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ ליגן און אויסגעטראַכט.

* * *

אַז חלומות פלעגן שוועבן
אין צויבער פון דער נאַכט
און הערצער פלעגן זיפצן
פאַרחלומט און פאַרטראַכט.

און צאַפּלען פלעגן שאָטנס,
איןווירבל פון באַגער,
פון לבנה־ליכט באַגאָסן
מיט האָפענונג פול און שווער.

אַ מעשהלע פון טויזנט,
פון טויזנט און איין נאַכט;
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ טרוים און אויסגעטראַכט.
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ טרוים און אויסגעטראַכט.

* * *

אַז בלומען פלעג איך קלייבן,
בלומען פול מיט זאַפט;
צום הימל זיך דערהייבן
און שרייען פון גליק און קראַפט.

און בליקן, ווי די שפּיזן
שאַרף און פלאַקער הייס.
עס גליען וואַנגען רויטע
און דאָס לייב, ווי מאַרמאָר ווייס.

אַ מעשהלע פון טויזנט,
פון טויזנט און איין נאַכט;
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ טרוים און אויסגעטראַכט.
אַ טרוים איז אַלץ געוועזן,
אַ טרוים און אויסגעטראַכט.

* * *

אַזוי וויקלען זיך די כמאַרעס
און בילדער קנוילן אויף,
זיי בליצן און פאַרשווינדן
פון אָנהייב ביז צום סוף.

אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך,
אַ שטורעם מיט בליצן פיל;
עס שוועבן טעג, נעכט און יאָרן,
ווי שאָטנס טונקל, גרוי און שטיל.

אַלץ פאַרביי, אַלץ פאַרביי —
הייזער, גאַסן, פעלדער, וועלדער,
טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער,
גרויע זאָרגן און גרויער מאָרגן —
אַלץ פאַרביי, אַלץ פאַרביי.

און הינטער זיי,
ריי נאָך ריי,
הויפנס קברים,
לאַנג און ברייט,
אָן אַ סימן,
אָן אַן אָרט.
דאָ צעזייט,
דאָרט צעשפּרייט,
הפקר, קאַלט.
יעדעס גרעזל
אויפן פעלד,
יעדע נאָדל
אין קיינעמס וואַלד,
ווו אַ בלימל,
ווו אַ דאָרן,
שרייט מיט ווייטאָג,
שרייט מיט צאָרן:
אַלץ פאַרביי.

* * *

זאָלן בלאָזן, פּייפן ווינטן,
שטורמען, ברויזן בייז און ווילד;
אַלץ צעשטערן, אַלץ צערייסן,
די וועלט פאַרניכטן, איבערקערן!

* * *

עס ציטערן בלויע שאָטנס
אין דעם נעפּל גרוי,
און קורצע בליצן טאַנצן
מיט רעגן, זון און טוי.

זיי שימערן און גלאַנצן,
ווי בילדער פון אַמאָל,
די פעלדער, וועלדער גרינע
און דאָס טייכל און דעם טאָל.

זיי זשומען ווי די בינען,
די כמאַרעס אָן אַ צאָל;
זיי שלענגלען זיך און רוישן,
ווי ס'טייכל שטיל און שמאָל.

זיי וועקן, פלוישן און קלאַפּן
און פליען פאַר דיר פאַרביי,
לייכט ווי דינע פעדים
און שווער ווי שטיקער בליי.

זיי שעפּטשען און דערציילן
געשיכטעס אָן אַ צאָל.
אַז געוועזן און פאַרשוווּנדן
איז דיין לעבן פון אַמאָל,
אַז געוועזן און פאַרשוווּנדן
איז דיין לעבן פון אַמאָל.

צענטער פון באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, מערץ 1946

צום טויט פון שמואל דאַנציקער*

האָפּערדיק,
מיט פרייד,
מיט שוים אויף די ליפּן
און רציחה באַגלייט,
זיי זיינען דאָ.

אין די לאַפּעס קאַראַבינען,
אין לאַנגע שורות זיך צעשטעלט,
אַרומגערינגלט און צעשפּרייט.
זיי האָפּן:
ווידער שלאָפט די וועלט
און צוריק איז זייער צייט.

אַרויס פון די הייזער,
אַרויס פון די בלאָקן!
זיי שרייען, קוקן און לויערן.
אויף די שטאָקן,
אין די טויערן,
זאַמלען זיך מענער,
זאַמלען זיך פרויען.

וואָס איז?!

* שמואל דאַנציקער איז געפאַלן פון אַ דייטשע קויל דעם 29טן מערץ, 1946, אין צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, דייטשלאַנד, בשעת ער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דער דייטשער פּאָליציי, וואָס איז אָנגעקומען אין צענטער מיט אַ באַפעל אויס־צופירן אַ רעוויזיע אין די הייזער.

זיי זיינען דאָ
מיט הינט,
ווידער די זעלבע
ווילדע האָרדן,
צום מאָרדן,
צום שלאָגן,
רויבן און יאָגן.

איז אַרויס שמואל
מיט אַ געשריי
אויף זיי!

אַ האַנט צו אַ האַנט,
אַ ברוסט צו אַ ברוסט,
פאַרשטעלן די הייזער,
פון קערפּער אַ וואַנט:

מיר וועלן ניט גיין,
די הייזער ניט רוימען.
מיר קענען די שפּיל!!

אין דעם אַ שאָס
איינער,
צוויי
און דריי.
שלאָפט ווידער די וועלט,
גייט צוריק די צייט?

אין לעצטן צאַפּל, די אָרעמס צעשפּרייט
אויף דער קאַלטער דייטשער ערד
ליגט ווידער אַ ייד אין בלוטיקן צער
פון אַ דייטשער קויל געטראָפן.
אַזוי איז געפאַלן
דאַנציקער שמואל.

אַ חתונה אין צענטער

אויף דער גאַס
שטילע שאָטנס,
האַלב פינצטער,
טונקל און גרוי.
נאַכט.

די הייזער,
ווי דיקע וואָלקנס,
אָנגעכמורעט,
אין דער פינצטערקייט
צעשווומען
און ווי פאַרטראַכט.

איך אַליין, ווי אַ שאָטן,
ווי אַ גייסט,
וואָס שוועבט
און שווימט
דורך דער נאַכטיקער שוים.

מיינע טריט,
מען הערט זיי קוים.

אָט בלייב איך שטיין
אין אַ ווינקל,
וווּ עס איז ניט גאַנץ שוואַרץ,
וווּ עס איז קוים טונקל.
דאָ רייסט זיך זיך אַרויס
פון אַ קעגנאיבערדיקן הויז
אַ בלענדענדער שיין
און אַריין
אין האַרץ פון דער נאַכט.

איך גיי צו נעענטער
און זע
אַ חתונה אין צענטער.

ווייס סערווירטע טישן
מיט בלומען באַפּוצט
און אויף יעדער בלום
אַ קאַרטעלע
מיט מזל טוב
דעם פּאָרל
און אַ ברכה אויסגעקריצט.

אויבנאָן דער חתן
און די כלה אין ווייסן טראַכט,
איינגעהילט אין שלייער
און מיט שימער פון דער שמחה
טרויעריק באַוואַכט.

און אַרום זיי דער עולם
געסט און גוטע פריינד,
עס פעלט נאָר
דער ברודער, די שוועסטער,
דער טאַטע און זי אַליין.

די מאַמע:

די מאַמע,
וואָס האָט אים
קליינערהייט
אין חדר געפירט;
וואָס האָט איר קעפּעלע
פרייטאג געוואַשן און געשמירט.

די מאַמע,
וואָס האָט די קינדערלעך
געצערטלט און געגלעט;
וואָס האָט געהאָפט און געחלומט,
אַז זי וועט זיי אַמאָל
אם ירצה השם בשלום
מיט דעם טאַטן צוזאַמען
אונטער דער חופה פירן.

די יידישע מאַמע.

פול איז דער זאַל
מיט געסט און גוטע פריינד,
נאָר זי אַליין איז ניטאָ!

שוין ברענען די ליכטלעך
אונטער דער חופה פיר שטאַנגען
און מען וואַרט.

מען קוקט צו דער טיר,
מען וואַרט —
אויף דעם טאַטן,
אויף די ברידער, שוועסטער
און אויף איר,
אויף דער מאַמען.
מסתמא
וועלן זיי קומען
מיט אַ מאָל און אַלע צוזאַמען.

מען וואַרט.

* * *

דערווייל איז די גאַס
אין נאַכטיקער שוים
דערטרונקען און צעשוווּמען.
פאַרזונקען די הייזער
אין פינצטערן תהום,
פאַרשווּנדן דער קוימען,
די פענצטער,
דער טויער,
צערונען אין שטילקייט,
אין טונקל צעפלאָסן,
די שוואַרצע קאָנטורן
פאַרזונקען אין טרויער,
צוזאַמענגעגאָסן
אין בלינדן געראַנגל
פון חשכות און מויער.
נאַכט.

* * *

און געשען איז עס
מיט אַ מאָל
און פלוצעם.
די שטילקייט
האָט אָנגעהויבן ברומען
און אומצייליקע שטימען
פון פרויען, מענער און קינדער,
זיינען דערגאַנגען צו מיין אויער.

איינגעהילט אין דער אפלה,
פיל איך,
ווי עס באַוועגן זיך שאָטנס
אין נאַכטיקן ציטער.

זיי שוועבן און שווימען
פון לינקס, רעכטס,
אַרום און לעבן מיר.

איך הער זיפצן, קרעכצן,
ביטער געלעכטער
און דאָס פאַלן פון אַ טרער.

אין געווירבל פון שאָטנס,
אַ געוויטער פון שטימען.

איך מיט איר,
מיר זיינען ביידע צוזאַמען
אַרויס פון הויז,
ווו אונדזער טאַטע און מאַמע
זיינען געבליבן אויף אייביק.
ביידע געשלאָגן,
ביידע געטריבן
אויף הונגער, קלעפּ
און גרעסטע נויט.

ווען איך בין געפאַלן
איז זי נאָר געבליבן
אַ זכר נאָך מיר—
זי איז מיין שוועסטער.

און איך בין מיט אים
צוזאַמען געשטאַנען,
געבוקט ביי דער מויער
און געוואַרט אויף דער קויל.

און ווען דער לעצטער זיפץ
איז אַרויס פון מיין מויל
און די נשמה

האָט פאַרלאָזט מיינע גלידער,
איז ער נאָר געבליבן
דער איינציקער טרעגער
פון צער און נקמה —
ער איז מיין ברודער.

אַזוי איז געוואַקסן
דאָס ברומען,
געשטאַרקט זיך, געמערט
און אַרומגענומען די אפלה
מיט דעם רופן פון שטימען.

מיר זיינען געקומען
אַלע ווי איינער:
טאַטעס, מאַמעס,
שוועסטער און ברידער,
צוזאַמענגענומען, צוזאַמענגעקליבן
הענט, פיס,
צעבראָכענע ביינער,
גלידער פאַרברענטע,
פון אַש אויפגעשטאַנען,
פון ווינטן געטריבן,
צוזאַמענגעבלאָזן
פון דאָרט און פון דאַנען.

געקומען צו פליען,
געקומען צו שוועבן,
דאָס קינד מיט דער מאַמען
ווידער באַהעפטן,
ברידער און שוועסטער
ברענגען צוזאַמען.
אַ תיקון צו זוכן
און ווייטער צום לעבן.

װײַטער זיך פֿרייען,
אַ טענצל מאַכן,
אין רעדל זיך דרייען
צוזאַמען מיט אַלע,
לאָזן אַ טרער,
די ליפּן איינטונקען
און צו חופּה פֿירן
חתן מיט כּלה.

װײַל מיר זײַנען אײַער
און איר זײַט אונדזער,
געלייטערט אין ימים
פֿון פֿלאַקער און פֿײַער.

צוזאַמען געליטן,
צוזאַמען געשטאָרבן,
פֿאַרפּייניקט, געבליבן
און געפֿאַלן אַ קרבן,
אַ קרבן צום לעבן,
אַ קרבן צום טויט.
אַ קרבן צום לעבן,
אַ קרבן צום טויט.

און עס האָט זיך צעוואַקסן
און צעשפּרייט
דאָס שלוכצן און ברומען,
ווי אַ שטילער געמורמל
און געוויטער פֿון שטימען,
ווי אַ תּפֿילה צו גאָט,
אַן אייביק געבעט
צום אייביקן שפּאָט.

געטראָגן פֿון ווינטן,
טרערן און אַש,
אין רויך זיך פֿאַרביטן,

צעשוווּמען, פֿאַרגאַנגען,
פֿאַרבלאָנדזשעט אין פֿעלדער
פֿון אומעט און טרויער,
פֿון קיינעם געהערט,
פֿון קיינעם פֿאַרשטאַנען.

איך זע:

פֿאַרחלשטע ליפּן,
פֿאַרשמאַכטע פֿון דורשט,
אויגן צעפּראַלטע
פֿון ציטער און שרעק
און אָפֿענע מײַלער
פֿון דערשטיקטן געשריי.

אין שטומער קדושה
פֿאַרבראָכענע הענט,
און בליקן פֿאַרשטאַרטע,
אַ פֿאַרשטיינערט געבעט.

אָבער קענען דען ענטפֿערן
שטומע ווענט ?!

ווען געשלוכצט האָבן קינדער
אויף דער מאַמעס שויס
אין חלשות געפֿאַלן,
אין גסיסה געקרעכצט,
פֿון ענגשאַפֿט און היץ
דערשטיקט און געטרעטן,
און שטאַרע בליקן
דורך די קראַטעס אַרויס
געשיקט און געבעטן,
וואַסער אַ שלוק,
אַ טראָפּן, אַ לעק.

געבעטן,
געקרעכצט
און פאַרגאַנגען.

ווער האָט געענטפערט,
געהערט און פאַרשטאַנען?

אין וואַסער דערטרונקען,
אין פייער פאַרברענט
אַ פאָלק פון מיליאָנען.

וועמען האָט גערירט
דאָס שטומע געשריי?
די שטיינערנע ווענט?
דעם גלעזערנעם דאַך?
און אפשר גאָט ? !

פאַרשוואונדן קהילות,
עדות פאַרזונקען,
דורות דערטרונקען
אין בלוטיקן ים.
חרוב דער בנין,
צעשמעטערט דעם שטאַם.

נאָר שאָטנס געבליבן,
אַ זכר פון חורבן,
אַ שארית, אַ מנין,
ווי אַ בלוטיקער קרבן.
ווי אַ דענקמאָל פון צער
און אַ רוף צו נקמה,
און ווי דאָס וואַרטן אויף דער גסיסה
פון פעלקער אָן אַ האַרץ
און אַ וועלט אָן נשמה.

* * *

אַזוי האָט גערעדט
צו מיר די נאַכט
און איינגעהילט מיין נשמה
אין איר פינצטערער טראַכט.

פאַרשלונגען מיין קערפּער,
מיין אָטעם איינגעזויגן
און דעם פיבער פון מיין האַרץ
אין דער אפלה אַריינגעצויגן.

ביז איך בין צעשווומען,
צעפלאָסן און צעגאַנגען
און האָב פאַרגעסן
ווו איך בין,
ווער און פון וואַנען.

נאָר אַ שאָטן איז געבליבן
צווישן שאָטנס פיל
און ווידער צוזאַמען
ברידער, שוועסטער,
טאַטע און מאַמע,
און פריינד פון אַמאָל
און פנימער באַקאַנטע
פון מיין הויז,
פון מיין שול,
פון דער שטאָט,
פון מיין גאַס.
און אַ וואַרעם געפיל
און די פרייד אַזוי גרויס,
ווי דאָס זינגען פון דער פידל
און דאָס ברומען פון דעם באַס.

אַלע זיינען דאָ, אַלע,
די גאַנצע משפחה
און גוטע פריינד

מיט אַ ברכה.
און דער מחותן
און די מחותניתטע
מצד החתן
און מצד הכלה.
אַלע אַלע,
אין אַ גוטער מינוט,
מיט מזל און הצלחה
צו דער חופה.

און באַלד האָב איך דערפילט
פון אויבן, פון אונטן
און פון אַלע זייטן
פיס זיך באַוועגן
און הענט זיך צעשפּרייטן.

און געשוועבט האָבן שאָטנס
אין ציטער פון געזאַנג,
געדרייט זיך געשווומען
צום טאַקט און צום קלאַנג.

ס'הייבן זיך גלעזער
ביים טיש אויבן אָן:
לחיים, מחותן,
חתן־כלה
און מחותניתטע
און קרובים
אין דער מיטן.

און עס רוטשען זיך שטולן
און עס הייבן זיך בעכער
און עס שלייכן זיך שאָטנס
צווישן הייזער און דעכער.

ביז עס פֿאַרגייען די שעהן
און עס ווערט דינער די נאַכט,
די אפלה ווערט מיד,
דער טונקל צעקראַכן
צעפּליסט אין די לעכער
שוואַך און צעבראָכן.
פֿאַרלוירן זיין מאַכט.

פֿאַרשלאָפֿענע פֿענצטער
גלאַנצן פייכט און נאַס,
עס אָטעמט דער מאָרגן,
עס שטייט אויף די גאַס.
עס שלייכן זיך געזימסן,
קאַנטורן פון טויער,
פּאַוואָליע, לענגאויס
פון נעפּל, אַ מויער.

פֿאַרשווונדן אין די לעכער
אַלע שאָטנס מיט־אַ־מאָל.
ט אָ ג .

נאָר איין שאָטן איז געבליבן,
מיט ימים פון בלוט
געחתמעט, געשריבן,
אַ שאָטן פון אַמאָל,
אַ זכר פון חורבן,
אַ שארית, אַ מנין
און אַ בלוטיקער קרבן.

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, אָקט. 26, 1946

אַ הײם

ארץ־ישראל — הײסט — בויען אַ הײם,
אַ הײם פֿאַר זיך, פֿאַר דײַנע קינדער,
פֿאַר דײַן פֿאָלק.
עס הײסט, אַרײַנוואַקסן אין דער ערד
וואָס איז דײַן;
אויסהאַקן פֿון שטײן, קנעטן פֿון לײם,
און הײסע חמימה פֿון זון און שטראַל,
לעשן מיט וואַסער פֿון אײגענעם קוואַל.

פּרי.
נאָך פֿינקלען די שטערן הויך איבער דיר,
שוירט גורטסטו אָן די לענדן צום נײַעם טאָג;
און ווי אַ פֿרומער ייִד,
וואָס לויבט דעם באַשעפֿער מיט אַ תּפֿילה אויף די ליפּן,
זאָגסטו דײַן לויב.
ווײַל עס אָטעמט די וועלט מיט איר נאַסן טוי,
און דאָרט אויף דעם באַרג,
וואָס טונקט זײַנע שפּיצן אין דעם הימלישן בלוי,
וואַנדערט דײַן בליק,
זוכט און געפֿינט אין ווײַטן מהלך
דעם אײביקן דראַנג צו רו און צו גליק.
גליק,
וואָס פֿליסט פֿון באַוווּסטזײַן,
אַז דײַנער איז דער הימל,
די זון און די שטערן
און דער געזאַלצענער אָטעם פֿון נאָענטן ים;
די ערד,
וואָס יערט מיט איר פֿרוכטבאַרער פֿולקײט,
מיט שפּראָציקע זאַפֿטן
און גאָלדענעם גלאַנץ.
אַ הײם.

צענט׳ער פֿון די באַפֿרײַטע ייִדן אין שטוטגאַרט, דעצעמבער, 1946

שאָטנס אויף מיין וועג

איך גיי לענגאויס די גאַס,
מיט מיר מיין שאָטן שפּרייזט,
גרויס און אומגעהויער,
ווי אַן אַלטער גוטער פריינד,
אָן ווערטער, טרייסט,
בלויז טיפער, שטילער טרויער.

ווען איך שפּרייז לענגאויס די גאַס,
אין שטילן אָוונט,
אין טונקעלער נאַכט,
און פיל,
מיין קאָפּ ווערט מיד און שווער,
מיין פּנים בלאַס,
מיין אויג — איין גרויסע, קאַלטע טרער,
ציט זיך אויס מיין שוואַרצער שאָטן
שפּיציק, שמאָל און לאַנג;
הייבט זיין פינגער, ווי אַ טייטל,
קרומט אים אויס צו מיר,
ווי דער רבי, עליו השלום,
ביים גמרא־בלאַט, ביים שיעור.

איך הער קיין קלאַנג ניט,
בלויז פיל איך ווערטער פליען,
בלויז פיל איז זי, די שטים
אין מיר,
זי ציטערט בלויז און פלאַטערט
ווי כוואַליעס פון אַ חלום:

זי לייגט זיך אויף די הייזער,
ווי שאָטנס אויף מיין וועג,
ווי שטילער דרימל, טיפע נאַכט,
שוואַרצער הימל, גרויע טעג.

ווען איך שפּריין לענגאויס די גאַס
אין טונקעלן רוים, אין שוואַרצן פּאַס,
קוקט אַרויס פון יעדן הויז,
אין יעדער מויער פאַרבאָרגן
מיין גרויער היינט, מיין גרויער מאָרגן,
מיין נעכטן
איינגעהילט אין תכריכים,
מיין טרויער.

און ווו איך בלייב,
און וואָס איך טו
און ווו איך קום
אין צייט־פּאַרטרייב —
ער איז דאָ.

ער וואַרט אויף מיר
נאָכאַנאַנד,
ביים טויער פון מיין הויז,
ביי דער טיר פון מיין שטוב
און אויף דער שוועל,
שוואַרץ און גרויס,
ווי אַ טונקל, גרוי געוואַנד,
ווי אַ שאָטן, אַן אומגעהויער
מיין נעכטן, מיין טרויער.

צענטער פון די באַפרייטע יידן, שטוטגאַרט, אפּריל, 1947

מיין קינד, זיי מיר מוחל

ווען מיין טאַטע וואָלט געלעבט
און ער וואָלט געהאַט די זכיה
אַ זיידע צו ווערן,
וואָלט זיין פרייד געווען גרויס
און דערגרייכט
ביז צום הימל און די שטערן.

ווען מיין מאַמע וואָלט געלעבט
און זי וואָלט געהאַט די זכיה
אַ באָבע צו ווערן,
וואָלט דער גלאַנץ פון איר ליבע
געשיינט איבער דיין וויגעלע
שטאַרקער ווי די זון
און העלער ווי די שטערן.

און ווען מיין שוועסטער וואָלט געלעבט
און עס וואָלט איר געווען באַשערט
צו זינגען דיר דאָס לידעלע
„ביי מיין קינדס וויגעלע
שטייט אַ קליין ציגעלע"
וואָלטן אירע קאַשטאַן־ברוינע אויגן
זיך אָנגעפילט מיט טרערן פון פרייד,
ווי די לבנה געשיינט
און געלויכטן ווי די שטערן.

אָבער זיי האָבן ניט געהאַט די זכיה,
און צו אונדזער צער איז נ י ט אָ קיין טרייסט
און נ י ט אָ קיין רפואה.
צוזאַמענגעשרומפּט איז אונדזער האַרץ פון בענקען
און איבערקלערן,
און אָנגעפּילט זיינען אונדזערע אויגן
מיט ניט־אויסגעוויינטע טרערן.

זיי־זשע מיר מוחל, מיין קינד,
ווען אונדזער פרייד איז פאַרטונקלט
און קען ניט דערגרייכן,
ניט די וייטע הימלען
און ניט די קאַלטע שטערן.
זיי מיר מוחל.

דעטראָיט, אַמעריקע, אויגוסט דעם 16טן, 1949.

לאַנג איז די נאַכט

(פון מיינע איבערלעבונגען אין קאָנצענטראַציע־און אַרבעטס־לאַגער, „גװער־פאַבריק״, ראָדעם, פוילן)

ראָדעם, אָנהייב 1943. אין דער געווער־פאַבריק „שטויער, דיימ־לער־פוש״, אויף דעם אָפּטייל „באַשלאַג״, נאַכט־שיכטע.

די ווייזער רוקן זיך פּאַוואָליע און ציען אויס די נאַכט אין דעם אומענדלעכן, טעמפּן קלאַפּן פון די מאַשינען, אין דעם פּלאַסקען פון די טראַנסמיסיע־פּאַסן, אין דעם סקריפּן און בראַזגען פון די שטאָלענע פּרעזן.

איך שטיי ביי דער מאַשין, פאַרטאָן אין דער אַרבעט. מיינע באַוועגונגען זיינען שנעלע און פּרעציזע. די „שטוקעס״ פליען פון דער לינקער אין דער רעכטער, פון דער רעכטער אויף דער מאַשין, פאַרזעצט, פאַרשרויפט, צוגעקלאַפּט מיט דעם האַמער. איצט אַ פּאָר צו מיט דעם פּרעז און אַ שלעפּ מיט דער קאָרבע: גזרא, גזרא, גזרא... קרעכצן די פּרעזן. די מאַשין איז אין גאַנג. שנעל, שנעלער, שנעל. איך איל זיך. איך מוז מאַכן די פאָרגעשריבענע צאָל. איך מוז!

וואָלט כאָטש די מאַשין געווען אין אָרדענונג, וואָלטן כאָטש די פּרעזן געווען ווי געהעריק, וואָלטן כאָטש מיינע שכנים פון דער „קאָלומ־נע״, די דריי יונגע פּאָליאַקן, געווען מענטשן, און וואָלט דער הונגער ניט אַזוי געפּייניקט. ווי איז אָבער, ווען די מאַשין איז אַן אָפּגענוצטער „קלאַק״, ווען די פּרעזן זיינען דייטשער ערזאַץ און פּלאַצן ביי יעדע פּאָר „שטוקעס״, ווען מיינע שכנים טוען מיר צו להכעיס און שטערן ביי דער אַרבעט, און ועל כולם, וואָס טוט מען, ווען די הענט ציטערן, פאַר די אויגן שווינדלט און די פיס ברעכן זיך דיר פאַר הונגער און אויסמאַטערונג.

איך קוק אויף דעם זייגער. שוין 10. איך צייל די צייט; נאָך צוויי שעה צו צוועלף. 12 אַ זייגער טיילט מען זופּ. איך זעץ אַריין אין געשטעל פון דער מאַשין אַ הילצערן ברעטל, וואָס זאָל מיך אַביסל שיצן פון דעם בויעראייל, וואָס שפּריצט אויף מיר די גאַנצע צייט. איך בין שוין אין גאַנצן נאַס. עס העלפן נישט דער זאַק און די שמאַטעס, וואָס איך האָב אויף מיר אַרויפגעלייגט. דער „פּזשאַדאָווניק״ (פאָרמאַן) באַמערקט דאָס פון דער ווייטנס, דערנענטערט זיך און מיט אַ קאָפּ פון פוס שליי־דערט ער עס אַוועק. — דו מאַכסט דיר באַקוועם, האַ?

אַ פערטל אויף עלף. נאָך אַ שעה און דריי־פערטל צו צוועלף. אַ שעה און 40, אַ שעה און 35 מינוט... איך טראַכט: וואָס פאַר אַ זופּ

קאָן היינט זיין? נעכטן איז געווען ברוקווע, אייערנעכטן — אַ קאַרטאָפּל־זופּ, פאַר אייערנעכטן... פאַר אייערנעכטן... יאָ, היינט איז דאָך דאָנער־שטיק, קומט אויס מאַמעליגע, מאַמעליגע, מאַמעליגע... די מאַשין פּילט מיינע געדאַנקען און מרוטשעט: מאַ..מע..לי..גע..מאַ..מע..לי..גע.. מאַ....מע....

ווו איז איצט מיין מאַמע ?! און מיין שוועסטער גיטעלע ? לעבן זיי ? אַוודאי!

האָבן דאָך די צייטונגען געשריבן. די פּוילישע יידן זיינען איבער־געזידלט געוואָרן קיין אוקראַינע און גענומען געוואָרן אויף אַרבעט אין די פאַלוואַרקן און פאַבריקן.

אַוודאי לעבן זיי! זיי אַרבעטן און לעבן אַזוי ווי איך.

מיין מאַמע... פאַרעלטערט מוז זי זיין, גרוי פון די צרות. איך דערמאָן זיך אירע גרויסע פון שרעק צעצאַפּלטע אויגן, דעמאָלט בעת דער אויסזידלונג, ווען דער עס־עס־מאַן האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָל־ווער, געצילט צו מיר און... ניט אויסגעשאָסן.

אויסגעדאַרט מוז זי זיין, שוואַך, אָבער זאָל זי נאָר לעבן. און מיין גיטעלע ? אַוודאי לעבט זי! אַוודאי... מיין שוועסטער לעבט, זי איז דאָך אַזוי יונג, קוים 20... און כדי אָוועקצויאָגן דעם שאָטן פון צווייפל, וואָס באַפאַלט מיך, די ווילדע געדאַנקען, וואָס לאָזן מיך ניט רוען און עגבערן מיין מוח — אַז עס קאָן דאָך זיין אַנדערש, מען האָט דאָך אַזוי פיל געשאָסן, אַזוי פיל זיינען דאָך געפאַלן אויפן וועג — וואַרף איך זיך מיט אַ משוגענער רוגזה און ווירוואַר פון דער אַרבעט. איך כאַפּ די „שטוקעס", שרויף, דריי און קלאַפּ. מיינע הענט ציטערן פון די קאָנ־וווּלסיווע באַוועגונגען, שנעל, שנעלער, שנעל, אַוועק מיט די בייזע געדאַנקען. מיין גיטעלע לעבט... לעבט... לעבט!

אַהער מיט די שטוקעס, פאַרזעצט, פאַרדרייט, צוגעשרויפט און צוגעקלאַפּט. אָבער... אָבער ווו איז דער האַמער ? איך בייג זיך אַראָפּ, איך זוך. איך זע אים ניט. ווו איז דער האַמער ?! ער איז דאָך ערשט געלעגן לעבן מיר, לינקס אויף מיין מאַשין. איך פרעג מיינעם אַ שכן אַ פּאָלאַק: האָסטו נישט גענומען דעם האַמער ?

— אַ פּ... ס... ס...*) מיט דיין האַמער!

שוין שטעלט זיך די מאַשין. וואָס טוט מען ?! דער מייסטער, אָדער גאָר דער קאָמיסאַר, קענען אַ ליאַדע מינוט אָנקומען. איך האָב

---

*) אַ פּויליש זידלוואָרט.

מ׳רא צו שטיין ביי דער שטילגעלעגטער מאַשין. איך לויף אַרויס אין אַבאָרט. ווען איך קום צוריק, ליגט מיין האַמער אונטער דער מאַשין און מיינע שכנים, די דריי פּאָלאַקן פון דער קאָלומנע, לאַכן און שושקען זיך.

* * *

געאַרבעט האָבן אין דער קאָלומנע, חוץ מיר, נאָך פינף פּאָלאַקן. פאַרלייגט אויף מיר האָבן זיך דריי פון זיי און מיך געפּייניקט אויף שריט און טריט.

זיי פלעגן מיר דערקוטשען ביי יעדער געלעגנהייט, באַהאַלטן די מכשירים, דערציילן פאַרשידענע באָבע־מעשיות וועגן אויסטילקן אַלע יידן געשיקטע מיט די אויסזידלונגען, רייצן זיך און שטערן... איך האָב געליטן, אַ מאָל פאַרשוויגן, אַ מאָל אָפּגעענטפערט מיט די זעלבע זידל־ווערטער, ווי זיי.

געפילט האָב איך, אַז מיינע כוחות שעפּן זיך אויס, אַז מיינע אָנגעשטרענגטע נערוון וועלן ניט אויסהאַלטן.

ביז איין מאָל — איך בין געשטאַנען ביי מיין מאַשין און געאַרבעט ווי געווינלעך. פּלוצעם קומט אונטער איינער פון זיי, שטעלט זיך לעבן מיר און הייבט אָן, ווי שטענדיק, זיך רייצן און טשעפּען. איך באַמי זיך אים צו איגנאָרירן, איך אייל זיך. צוליב די שיקאַנעס קען איך קיין מאָל נישט פאַרטיק מאַכן מיין צאָל, דער פאָרמאַן דראָט מיר...

דער גוי טרעט ניט אָפּ, זידלט און לאַכט פון זיינע חכמות. באַלד קומט צו דער אַנדערער, זיין חבר: „נאַרישער ייד, וואָס טויג דיר די אַרבעט, אַז סיי ווי וועט מען דיך שיסן. אַלע זיינען אויסגעהרגעט, קיינער איז מער נישטאָ,“ און רייבנדיק איין האַנט אין דער אַנדערער, כדי דאָס מיר גענוי צו אילוסטרירן, וואַרפט ער פון זיך אַרויס: „וושיסצי פּאָשלי נאַ מידלאָ“ (אַלע זיינען געגאַנגען אויף זייף).*

איך גיב זיך אַ ריס פון אָרט, אַ ווילדע קללה פליט פון מיין מויל, אַלץ וואַרפט זיך אין מיר. מיין רעכטע האַנט, וואָס האָט אין דער זעלבער צייט צוגעדרייט די קאָרבע מיט דעם פּרעז צו דער „שטוקע“, האָט זיך פון מיין האַסטיקן שפּרונג אַ וואָרף געגעבן אויף צוריק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. עס האָט זיך דערהערט אַ בראַזג. אינסטינקטיוו האָב איך אָנגעכאַפּט די קאָרבע צו האַמעווען די מאַשין. אָבער עס איז שוין געווען

---

*) עס זיינען דאַן אַרומגעגאַנגען ווילדע קלאַנגען, אַז די דייטשן פּראָצעסירן מענטשן־פעטס פון די אומגעבראַכטע פאַר דער פּראָדוקציע פון זייף.

צו שפּעט. די שטאָלענע וואַלצן האָבן זיך צוליב דעם האַסטיקן צוזאַמענ־פּראַל פון די פּרעזן מיט דער „שטוקע“ אויסגעבויגן, די פּרעזן צעבראָכן אויף שטיקער (ראַדיוס 5 צ״מ, לענג 18 צ״מ), דער אייזערנער טיש האָט געפּלאַצט.

איך בין געבליבן שטיין ביי דער מאַשין, רעזיגנירט, אָנמעכטיק, נאָר אויסציען זיך אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע און מער נישט אויפ־שטיין. אַ סוף זאָל עס נעמען!

די חברה איז זיך צעלאָפן, יעדער צו זיין מאַשין.

„מ׳וועט דיך הענגען,“ שרייט איינער.

„מ׳וועט דיך שיסן, הרגענען, זאַמאַלעווען,“ שרייט דער צוויטער מיט אַ סאַטיספאַקציע אין דער שטימע.

„סאַבאָטאַזש!“ רופט דער דריטער: „הענגען וועט מען אים.“

איך שטיי צעטומלט, אין קאָפּ אַ רויש, אַ ווירוואַר פון צעברויזטע געדאַנקען. איך קען מיך ניט צוזאַמענגעמען. אַ געוואַלדיקע אַפּאַטיע באַפאַלט מיך: איין מאָל אַ סוף.

אַרום לויפן די פאַסן אין אַ ווילדן, פייפנדיקן געיעג, נאָר מיין פּאַס רירט זיך ניט און הענגט אַראָפּ פון די שטאַנגען, ווי אַ בר־מינן. (ביים שטעלן זיך פון דער מאַשין איז ער אַראָפּ פון רעדל).

דער גאַנצער זאַל מיט זיינע 150 מאַשינען ציטערט אין פיבער פון דער געוואַלטיקער באַוועגונג, ס׳קרעכצן די פּרעזן שיילנדיק דאָס אייזן, די „שטוקעס“ שפּריצן מיט אייזערנע שאָלן און נאָדלען. איך קוק אויף מיין שטילגעלעגטער מאַשין מיט אַן אויסדרוק פון גרעסטער גלייכגילטי־קייט און גידעוו׳געשלאָגנקייט. אַ סוף. איך פיל צו מיין באַוווּנדערונג ווי עס באַהערשט מיך אַ געוויסע סאַטיספאַקציע, אַ פרייד, וואָס שטיצט זיך אויף דער האָפענונג פּטור צו ווערן די „קאַלומנע“ מיט מיינע דריי מער־דערישע שכנים. איך קלער נישט וועגן דעם, אַז עס דראָט מיר אפשר דער טויט.

ווילאַנג בין איך אַזוי געשטאַנען, פאַרגליווערט און פאַרזונקען אין מיינע געדאַנקען, איך ווייס ניט. אַלנפאַלס איז אויגנבליקלעך גאָרניט געשען. דער פאָרמאַן איז יענע נאַכט ניט געקומען צו דער אַרבעט. דער מייסטער פונעם אָפּטייל איז ניט געווען אויפן זאַל.

פּלוצעם באַמערק איך, ווי איינער פון די אַנדערע צוויי אַרבעטער קריסטן באַטראַכט מיין מאַשין; ער דרייט מיט דעם קאָפּ, ווי איינער זאָגט, קאַפּוט. ער ווינקט צו די דריי, זיי זאָלן אויפהערן מיט די זידל־ווערטער. ער פאַרלייגט די הענט און באַטראַכט דעם שאָדן. באַך אַ

לאַנגער ווײַלע גייט ער צו צו זײַן מאַשין און שטעלט זי אָפּ. ער קומט צוריק און הייבט אָן אויסמאָנטירן פון דער צעבראָכענער מאַשין די צעקרישלטע פרעזן, שרויפּט אַרויס דעם צעפּלאַטשטן אײַזערנעם טיש. ער רעדט ניט קיין וואָרט און נעמט אונטער דעם אָרעם די צעבראָכענע שטיקער אײַזן און טראָגט זיי אַוועק. ער האָט אויסגענוצט זײַן באַקאַנטשאַפט אין די מאַגאַזינען און געשאַפן פרישע פרעזן. ער האָט באַקומען פון ערגעץ, פון דער ערד אַרויס, אַן אַלטן אײַזערנעם טיש, וואָס האָט גראָד געפּאַסט צו מײַן מאַשין. פון איינס אַ זייגער בײַנאַכט ביז פיר פאַרטאָג האָט ער, פאַרנאַכלעסנדיק זײַן אַרבעט, געמייסטרעוועט און געברענגט מײַן מאַשין אין אָרדענונג.

פאַרוואָס? פון אייגענער איניציאַטיוו, אָן אויסרעכענונג אויף וועלכע עס איז באַלוינונג — איך האָב גאָרנישט פאַרמאָגט. איך האָב אים שפּעטער, אַלס אויסדריק פון מײַן דאַנקבאַרקייט, געוואָלט געבן מײַן שיינעם, זײַדענעם קראַוואַט פון דער היים. (שפּעטער האָב איך פאַר אים באַקומען אַ וואָך מיטאָגן בײַם פּוילישן קעכער).

ער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט: „איך ברויך עס ניט.“ איינער פון די צדיקי אומות העולם? אָדער פּשוט, אַ מענטש, אַ חבר, ווײַל די אַנדערע, להבדיל, זײַנען דאָך ניט ווערט דעם נאָמען מענטש.

* * *

אַהיים געקומען אין באַראַק בין איך צום טויט פאַרמאַטערט, דערשעפּט און צעבראָכן. באַרויקט צוליב דעם גליקלעכן אויסמײַדן די געפאַר, אין בעסטן פאַל, פון דערהרגעט צו ווערן פון קלעפּ, אָבער מיט אַ געפיל פון פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג, וואָס איך וועל ווײַטער מוזן בלײַבן אין דער זעלבער „קאָלומנע“ מיט די דרײַ אויסוווּרפן. איך האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן אויך איצט נישט אָפּזיצן און ווײַטער מיר דערקוטשען אָבער איך האָב באַשלאָסן זיך מער ניט לאָזן און ענטפערן אויף זייערע אָנפאַלן כפל־כפליים. זייט דעם פאַל מיט דער מאַשין זײַנען מײַנע נערוון געווען אָנגעשפּאַנט ביז גאָר און עס האָט נאָר געפעלט אַ פונק, וואָס זאָל ברענגען צו אַן אויפרייס. איך בין געווען דעצידירט אויף אַלעם. און דער מאָמענט איז געקומען.

דער סדר פון דער אַרבעט האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל באַקומען מײַנע „שטוקעס“ פון דער „פּזשעטשאַנגאַרקע“ פון דער אַנדערער „קאָלומנע“. בײַ דער „פּזשעטשאָנגאַרקע“ האָט געאַרבעט אַ יונגער פּאָלאַק פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ פרײַנד פון מײַנע דרײַ חברה־לײַט. פאַרקוקנדיק זיך אויף זיי האָט ער אָנגעהויבן מיר „רוקן אייער.“ איך פלעג באַקומען

פון אים ענגע שטוקעס און איך האָב מיט זיי נישט געקאָנט אַרבעטן. די מיינסטע האָב איך אים צוריקגעשיקט.

ער איז געווען אויף מיר שטאַרק אין כעס: אַ העזה, אַ ייד וואַרפט אים צוריק די אַרבעט. איין מאָל אויף דער נאַכט שיכטע, בשעת איך האָב אים צוגעטראָגן די שטוקעס, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געפּרוווט מיך אַוועקשטופּן פון זיין מאַשין, ווו איך האָב זיי אַוועקגעלייגט פאַר אים צום פאַרריכטן. איך האָב אַרויסגעריסן מיין האַנט און אים געגעבן אַ זעץ אין פּנים. איך האָב פאַרגעסן ווער איך בין, ווו איך בין, און זיך אָנגעהויבן מיט אים שלאָגן אויפן זאַל. עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, ס'איז אָנגעלאָפן דער פאָרמאַן, מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אַריינגעפירט צום מייסטער פון אָפּטייל, נאָוואָסאַד, אַ פּאָלאַק, מעלדנדיק אים, אַז איך האָב זיך געוואָרפן אויף אַ פּוילישן אַרבעטער מיט די פויסטן.

דער מייסטער האָט אַרויסגעשיקט נאָך דעם אַרבעטער און אונדז ביידע אַריינגעפירט אין ביוראָ פון די דייטשע קאָמיסאַרן.

עס איז מיר נאָך געלונגען צוצולויפן צו דעם יידישן מיידל דיאַמענט, וואָס האָט געאַרבעט וויזאַווי מיר און איך אַרייגרוקן אין דער האַנט מיין בייטעלע מיט מיין „פאַרמעגן", אַ קליינע פּאָר זלאָטעס, אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס פון דער היים, וואָס עס איז מיר ביז דעמאָלט געלונגען אָפּצוראַטעווען, און אַ קופּקעלע פּאַפּירלעך, לידער פאַרפאַסטע ביי דער מאַשין בעת דער אַרבעט.*)

גראַד האָט דעמאָלס געהאַט נאַכטדינסט דער קאָמיסאַר פון ווערקצייג־אָפּטייל, מאַרטין, אַ פאָלקס־דייטש אין די יאָרן פון 50־60. אויסגעהערט די אָנקלאָגע פון מייסטער, האָט זיך זיין פּנים צעקרימט אין אַ ציניש שמייכל:

„ווער האָט זיך געוואָרפן דער ערשטער צום שלאָגן?" פאַלט אַ פראַגע פון קאָמיסאַר.

„ער האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין פּנים," רייסט אים איבער דער פּאָליאַק.

„איך האָב זיך נאָר געווערט, ער האָט מיך דער ערשטער אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט", זאָג איך.

---

*) דאָס ווערטפולע פאַר מיר פּעקעלע, מיין גאַנץ „פאַרמעגן", האָב איך פאַרלוירן נאָך דער באַפרייאונג. איך האָב באַקומען דעם טיפוס און די פראַנצויזישע געזונדהייט־אָפּטיילונג האָט פאַרברענט מיינע קליידער און צווישן זיי דאָס פּעקעלע, צוליב סאַניטאַרע צוועקן.

מאַרטין גייט אַריין אין אַנדערן צימער, קומט צוריק מיט אַ לאַנגע שפּיצרוט, דערלאַנגט זי מיר און זאָגט: „שלאָג אים."

איך ריר זיך נישט און ענטפער: „איך וועל אים נישט שלאָגן, הער קאָמיסאַר, פאַר מיר איז די זאַך דערליידיקט."

„שלאָג, זאָג איך דיר, ווען ער האָט דיך אָנגעגריפן ביי דער אַרבעט, שלאָג אים איצט צוריק."

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין.

אָן אַ וואָרט, מיט דעם זעלבן ציניִשן אויסדרוק ווי פריער, דרייט ער זיך אויס צום פּוילישן אַרבעטער און דערלאַנגט אים די שפּיצרוט.

„נאַ, שלאָג דו אים."

דער פּאָלאַק נעמט די שפּיצרוט און גיט מיר דריי מאָל לייכט איבער די פּלייצעס.

„דאָס הייסט שלאָגן?!" פּאַלט אַריין דער קאָמיסאַר, רייסט פון אים אַרויס די שפּיצרוט און הייבט מיר אָן דערלאַנגען מיטן גאַנצן כוח אין קאָפּ אַריין.

ביי די ערשטע פּאָר שמיץ בין איך געבליבן שטיין אויפן אָרט. שפּעטער האָט איך זיך אָנגעהויבן אָנוועקרוקן פון אים און ווען דער ווייטאָג האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף דער הויט פון מיין קאָפּ, ווי דאָס צוויקן פון אַן עלעקטרישן שטראָם, האָב איך אָנגעהויבן לויפן איבערן צימער, ווי אַ צעמישטער. ער איז מיר נאָכגעלאָפן און געצילט. אַלע זעץ זיינען געפאַלן אויף מיין קאָפּ (ער איז געווען גוט איינגעאיבט אין דער אַרבעט) אַזוי לאַנג ביז איך בין געפאַלן אויף דער ערד אָן באַוווסטזיין.

ער האָט אַריינגערופן אַ פּאָר אַרבעטער, וועלכע האָבן מיך אויפגעהויבן און אַרויסגעפירט.

דער פּאָלאַק איז געבליבן איבעוויייניק. ווי איך האָב זיך שפּעטער משער געווען פון זייערע אָפּגעריסענע ווערטער, האָט אים מאַרטין אויך געשלאָגן.

געבליבן איז מיר נאָך די מכות אַ שוואַכער זכרון אַ לענגערע צייט. אין אָנהויב, אין די ערשטע פּאָר וואָכן, האָט מיר כסדר געקלונגען אין די אויערן און איך בין אַרומגעגאַנגען ווי מיט אַ נעפּל פאַר די אויגן. טאָמער האָב איך אָוועקגעלייגט אַ זאַך האָב איך אין איר באַלד פאַרגעסן. נאָך לאַנגע, לאַנגע חדשים האָט זיך מיר דער זכרון פאַרבעסערט.

דער פּאַל האָט דאָך געהאַט פאַר מיר אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט. פון דעמאָלס אָן האָבן מיך די אויסוואורפן צורו געלאָזט.

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט, דעצעמבער, 1946

כבוד פון פאָלק

עס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן אונדז אַ מיינונג: „דער וואַרשע־ווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט געראַטעוועט דעם כבוד פון פאָלק.״

אַנדערש געזאָגט, די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זיינען אַוועק אָן אַ קאַמף אויפן טויט זיינען געפאַלן מיט אַ נישט בכבודיקן טויט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין זייער ווייט פון אונטערשעצן די גבורה פון דער וואַרשעווער יידישער עדה, וואָס האָט מיט איר העלדישן קאַמף איינגעשריבן איינס פון די שענסטע בלעטער אין אונדזער געשיכטע. אָבער דער כבוד פון יידישן פאָלק וואָלט געבליבן, אָן שום ספק, אפילו ווען דער אויפשטאַנד אין וואַרשע וואָלט נישט פאָרגעקומען.

די אויבנדערמאָנטע אינטערפּרעטאַציע פון אויפשטאַנד איז ווי אַ שטיין אויפן קבר פון אונדזערע נאָענטסטע, ווי אַ באַשולדיקונג, פאַר־וואָס זיי זיינען פּאַסיוו געגאַנגען אויפן טויט און זיך נישט געווערט.

און עס שווימט פאַר מיר אויף אַ פראַגע: ווי וואָלטן געהאַנדלט טשעכן, ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער, זייענדיק אין אונדזערע באַדינ־גונגען? פון איין זייט אַן אַרמיי אַ באַוואָפנטע מיט אַלע מאָדערנע כלי־זין, מיט אַ ספּעציעלן, אויסגעשולטן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וואָס האָט גע־נאַרט און באַמיט זיך אָפּצוווענדן דעם יידנס אויפמערקזאַמקייט פון דער געפאַר פון אומקום; פון דער אַנדערער זייט, אַ מאַסע, צעזייט און צע־שפּרייט צווישן אַ באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאָלפן דעם הענקער און זיין בלוטיקער אַרבעט, אומבאַוואָפנט, פאַרלאָזט פון אַלעמען, אַרויס־געוואָרפן פון אַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, אויסגעהונגערט און טעראָרי־זירט אויף דעם שרעקלעכסטן אופן.

וואָס האָבן געזאָלט טאָן די אומגליקלעכע?! וואַרפן זיך מיט די פויסטן אויף די געפּאַנצערטע טאַנקן, שיסן אויף די דייטשן מיט שפּילצייג־ביקסלעך?!

צענטער פון די באַפרייטע יידן אין שטוטגאַרט,
דעצעמבער, 1946.



My sister Gucia, 1938; *died at the hands of the Nazis in Treblinka* in August, 1942. Her crime: she was born Jewish.*

Nazi* **extermination camp, with gas chambers and crematorium, in German occupied Poland.

Author's picture, 1968, on reverse side of page.

W czarnych grotach
I morza głębinach
Tęsknota moja błądzi;
Na stokach gór
I nad rzekami w trzcinach
Krąży krwawiąca.
Daremnie!
Daremnie!

Rozsiane są prochy
W dymu obłokach,
Na wszystkich świata krańcach;
W lamencie i krzyku
Rozpaczy co woła,
W gruzach mieścin
I spalonych siołach.
Tysiące, miliony,
Ofiary bez liku.

A może, a może
Siostro moja,
O Boże!

W zamęcie, złudzenie majaczy,
Tęsknota woła,
Nadzieją się łudzi krwawiąca.

Daremnie!
Daremnie!

I ciebe, O siostro moja,
Ziemia wsiąknęła,
Spragniona, piaszczysta, gorąca.

Los Angeles, 7-II-1966, na podstawie pieśni—א מצבה

Kamien Grobowy

Tęsknotą otulony,
Lzami spowity,
Grobowiec goryczy,
Smutku i żalu
W męce bezdennej
Woła i krzyczy.

O, matczyne kości,
Ojca, siostry kochanej!

Gdzie są ich resztki,
Gdzie wasz grobowiec,
Aby oprzeć moje czoło
I płakać w rozterce?

Kręcę się w męce i szukam;
Naokoło i po całym świecie
Stukam w kamienie, grobowce,
Nieznane mi i obce,
Tułam się i wołam!
O cienie błądzące!
W wiatru szumie,
Na północy, zachodzie,
Na południu na wschodzie.

W zamęczonych tłumie
Wołam i biję czołem;
Ramiona wyciągam,
W groby stukam — wszędzie
Szukam, szukam daremnie
Znaku po wczoraj,
Sladu na jutro
Z nadzieją że będzie.

אברהם, אברהם!

געדריקט האָב אברהם דעם שאַרף אין זיין האַנט
און טרויריק געוואָרפן אויף יצחק זיין בליק.

זיין האַרץ — צעריסן,
ווי ברוזדעס אין אַ פעלד פריש צעאַקערט,
ווי אַ בלוטיקע וווּנד
האָט געברענט,
און ווי פייער געפלאַקערט
מיט ליבעס צוויי.

איינע, צום גאָט זיין באַשעפער,
די צווייטע, צו יצחק זיין קינד.

וועלכע איז מער טייער?

שוין הייבט ער זיין אָרעם מיט דעם גלאַנציקן מעסער.

אברהם, אברהם!

אין דער שטילקייט אַרום
פליסטערט די שטימע, ווי אַ פלאַטער.

ווי אַזוי קענסטו אויסוויילן,
פון איין — מאַכן צוויי טיילן,
ווען איך בין אין דיר
און אויך דיין זון קומט פון מיר?

אַראָפּגעלאָזט האָט אברהם זיין בליק אומגעריכט,
און פאַרנומען האָט ער גאָט'ס שכינה
אין יצחק'ס געזיכט.

ער האָט געזען, געהערט
און בעסער פאַרשטאַנען.

און פאַרשעמט,
האָט ער דאָס מעסער
געלאָזט פאַלן צו דער ערד.

לאָס אַנגעלעס, דעם 28טן פעברואַר, 1968.

The Choice

Abraham felt for the knife,
And he felt for his son on the mound.

His heart like a bleeding wound
Burning with love;
Love for God his creator
And love for Isaac his son.

Which is the greater?

He raised his arm to
kill. —

Abraham, Abraham!

In the stillness
A soft voice was stirring his soul.

Is there a choice?

Abraham looked at the child on the mound
And saw—
God and his son were one.

His arm stopped
And dropped the knife
To the ground.

Los Angeles, February, 1968

POLAND, 1941 **

The second girl,
I met before,
Long before in time and space;
I met her on my way
                                        to die
From fear, starvation and terror's cry.

I remember still
Her ringing chant,
Clear and loud,
To all around entwined in fear.
Her cry — the same:

O hear, O hear!
I am a little girl
And hungry so...
I forgot my name!...

She cried and sang
For many days and many weeks;
Only her voice went down
As time passed by,
And after a while
It became a whisper only.
And after another while,
There wasn't any whisper even,
Only darkness and fear,
And there was no little girl
left . . . to listen to,
Only six million shadows,
And no God who would hear.

Los Angeles, June 27, 1967

** *Jewish child on St. Krakowska St., in ghetto, Radom, Poland.*

Two Little Girls

GERMANY, 1946 *

The little girl was standing still,
A shadow thin
In pool of light;
Her little face
Hard and dry,
Only her eyes were crying.

The little girl was standing still,
Amidst rubble dry
In pool of light,
A broken shadow
In pile of dust,
Only her body was crying.

The streetcar stopped.
I looked,
And my sadness grew a thousandfold,
I looked again
And felt the fury of her cry,
The torment of her soul.

Why . . . why . . . ?

I am only a little girl,
And I am hungry so...
I forgot my name!...

My heart—it cried in pain;
I looked around for help
in vain;
I jumped
And handed her my wafers two,
And run away in shame.

* * *

* *German child between the ruins of a bombed out building on Reinsburg Str., Stuttgart, Germany.*

With force and long!
My song of grief,
My tune of gloom,
Full of sadness
And dark with doom;
Wake my mother!
Wake my sister!
Play it stronger
And loud for all!
Wake them,
Call them,
Cry and moan!
For I am full of longing,
And I am all alone.

* * *

Gone is the sun,
Grey is the sky.
And the evenings chill,
And the clouds in their run,
Descend from the mountains,
Rest on the hills.

O sorrow!
O grief!
Let me borrow your cloak;
I need it today,
I will need it tomorrow.

And you, my violin,
My song and my bard,
Tuck in my soul,
Wrap in my heart;
Tied is my tongue
In bundles of grief;
In grief will I live,
And grief is my song.

Castle Langenzelle, Germany, after the liberation in June, 1945.

White with lights;
Music sounds
And the sky is bright.
And I dance and play,
Eat and drink,
Sing and try
In vain
To buy
A drop of joy
In sea of pain.
Come, my violin,
Come, my song:
Let me quietly
Touch your strings,
Again to play,
Again to sing;
To sing and play,
To dance and swing,
Gorge and drink
And not forget.
Not forget
And well remember:
My home
And house
Where I was born
And the street
Where we stood
Forsaken and forlorn.*

* * *

Play, my violin!
Rise, my song!
Play my tune

---

* Wall St. (*Walowa*) *in Radom, Poland, during the liquidation of the ghetto and deportation to the extermination camps.*

A far off sound,
Far and thin;
Bells of joy,
Sadness wail,
Peace and strife;
They all come by,
They all are here.

And at last,
My younger sister,
My friend, my dear;
Her eyes shine
And greet with joy;
I hug her, kiss her
And behold her face;
My sister dear,
My life, my light.

* * *

Come, my violin!
Come, my song!
Let me gently
Touch your strings,
Again to play,
Again to sing.
The strings, they cry
And wail in grief;
And I try to laugh,
I try to play.

And people think
That I happy am;
Trees and flowers
All around,
A castle* shimmers

---

* *Castle Langenzelle, where the Allied armies put up the liberated prisoners.*

Again to play,
Again to sing.

To sing and play,
To dance and swing,
To gorge and drink
And think of nothing,
Just forget.

Forget my home,
Forget my house;
My street and place,
My mother's stare,
My sister's face.

I must forget:
My children's dreams,
My songs and rhymes
Of gone by times;
My joy,
My tears,
My fights and laughter
Of gone by years.

Can I claim
My name again?
Is my face,
My own,
The same?
Is it true
And not a dream?

From time to time,
My heart beats faster—
And memories
Like a rushing stream,
A flash of light,
Silver bright,
Come to life.

Grief Is My Song

Come, my violin!
Come, my song!
Let me gently
Touch your strings;
Again to play,
Again to sing.

To sing and play,
To dance and swing,
To gorge and drink
And think of nothing,
Just forget.
Forget my past,
That sea of blood,
Deep and vast
With human grief;
Those cries of pain,
Long and brief,
Baby moans
And women's scream;
Those gruesome pictures,
Blood and death,
Horror chambers
And poison gas;
Those marching millions
In cruel run,
In mire and mud
And scorching sun;
Those bleeding feet,
That sea of blood.

* * *

Come, my violin!
Come, my song!
Let me gently
Touch your strings;

ration camps, mainly the majority of Jewish girls from Poland, whose education did not include reading Yiddish.

Let me also use my privilege and express my gratitude to my friends from the years of our common suffering and bondage, the ex-inmates of the concentration camps in Poland and Germany, and the Jewish Refugee Camp in Stuttgart, Germany —my wife Sonia among them—who appreciated what I wrote and thus contributed to the edition of this very much belated book of poems in sorrow.

S. Waks

I walk in the shadows
Of my grief,
Deep and vast
As the fathomless sea;
For I am forsaken
And lost,
And grief
Is my host.

Nazis to death in the gas-chambers and extermination camps.

The poem: 'Grief Is My Song", the first I composed after my liberation, carries the motto of that tragedy into the book: the motto of grief and deep sorrow, love and intense longing; it is characteristic for the mood which prevails in all the songs and poems.

Alive by a miracle of fate, the author at last conceives which was unconceivable; that all are gone; all his family, all his friends, all of them killed in the massacres and death camps of Nazi-Germany. He is overwhelmed by sadness and grief.

This adaptation of "Grief Is My Song" I followed with two songs written in English: "Two Little Girls" and "The Choice" which I transposed also into Yiddish under the title "Abraham, Abraham." "Two Little Girls" is an expression of the author's despair over the suffering of the innocent.

In "The Choice" the author leaves the tragic forties and returns to the present, not less tragic sixties. In the wake of new bloodshed and violence, he cries: God has no need for human sacrifice, and love does not embrace murder. The time has come to halt the knife and stop sending our children to slaughter in defense of the many gods of our own making. The author strongly rejects and condemns the idea of Holy Wars with their horrors and bloodshed. Consideration for human life is the supreme law.

I hope that the English word which at that time took possession of my spirit and imagination permitted me to translate my feelings in a natural, poetic phrase. I transposed also my Yiddish poem "Headstone" into Polish, the language which was the foundation for the years of my learning and the spiritual mainstay of my adolescence. I did it also as a tribute to those ex-inmates of the concent-

Author's Note

WITH reluctance and apprehension I am sending my written word to print. More than two decades have passed and the anguished cry of the murdered and innocent is still heard around the world.

Why cry over the past — when there is hardly hope for tomorrow? And how can there be hope for tomorrow—when counting the dead has become a pastime for today?

* * * * *

I planned to publish my songs and poems in two editions, Yiddish and English. English—because I hoped to reach the hearts and minds of the young. Alas, my vocabulary, as a result of my foreign educational background, insufficient for the task — particularly in the area of idiomatic expressions—made me shy away from translating my poetry into English.

However, I succeeded by a stroke of luck and inspiration to transpose the mood of my poem "*Mayn Troyer Leed*" ("Grief Is My Song") and adapt it poetically for the English language.

As a Jew I was imprisoned by the Nazis during World War II and held in concentration camps in Poland, Radom, my native country and home town, then transferred through Ausschwitz to concentration camps in Germany, where I was liberated by the Allies in May, 1945.

My family met the fate of the six million Jews who were murdered by the Nazis while the Allies, for reasons of expediency, refrained from intervention.

My father died in ghetto, sick and starved to death; his brother, my uncle, shot while doing forced labor; my stepmother and teenage sister and the rest of my relatives, young boys, girls and small children, carried away by the